STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01414

DI TSVEYTE ALIE

D. Kalai

Permanent preservation of this book was made possible
by Leah J. Dickstein, M.D.
in honor of
Asneh Minka Engelman and Stuart N. Daniel Steven Dickstein, M.D.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. קַלְעִי

די צווייטע עליה

ארויסגעגעבן דורך
עד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ-ישראל
מחלקת „החלוץ"

1947 תל-אביב

דפוס קואופ׳ „אחדות״ בע״מ, תל־א

צווי קוואַלן

פון צוויי קוואַלן האָבן געצויגן זייער גייסטיקע יניקה די מענטשן פון דער צווייטער עליה. ביידע קוואַלן האָבן באַאײַנפלוסט איר אַנטוויקלונג און אויסגעפורעמט איר גייסטיקן געשטאַלט. איין טייל פון דער צווייטער עליה איז באַווירקט געוואָרן פון דער העברעאישער ליטעראַטור: פון דער גלות־קריטיק פון מענדעלע־מוכר־ספרים; פון מ. ז. פאיירערבערג׳ס פראַגע „וואוהין?“ און זיין וואונק אַלס ענטפער אויף דער פראַגע: צום מזרח, כדי דאָרט צו גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט; פון מ. י. בערדיטשעבסקיס רעוואָלט קעגן דער איבערגעשפיצטער רוחניות אין יידישן לעבן און זיין פאָדערונג צו איבערשאַצונג פון די יידישע ווערטן, צו ממשות׳דיקייט — אין קעגנזאַץ צום גייסטיקן ציוניזם און זיין טעאָריע פון מרכז רוחני; פון ביאַליק׳ס און טשערניכאָווסקיס דיכטונג; פון ברענערס קריטיק און זיין רוף צו אַ גרונטלעכער רעוואָלוציע אין יידישן לעבנס־שטייגער, צו אַ ניי לעבן, צו באָדן און גאולה.

אַ טייל ווידער איז באַאײַנפלוסט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור; פון „בונד“, וואָס האָט גערופן צום אויפקום פון אַ יידישער זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־באַוועגונג; פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס האָט באַצווייבערט, ווייל זי האָט געוויזן אַ נייעם וועג, אמת אַן איבעראַשענדען און ווייטן, אָבער וואָס האָט אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך און נאָנט — אָט די ליטעראַטור, וואָס אירע פירנדע וואָרט־זאָגער זיינען געווען סירקין און נאָך אים באָראָכאָוו.

די, וואָס האָבן געשעפּט פון ערשטן קוואַל, זיינען געקומען פון בית־מדרש, פון דער שול־יוגנט און פון די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון איר יוגנט און פּראָגרעסיווע עלעמענטן. די וואָס זיינען געווען נאָנט צום צווייטן קוואַל, זיינען געקומען פון די אַרבעטער־וואַרשטאַטן, פון די רייען פון דער „פּועלי ציון״ באַוועגונג, וואָס איז דאַן געווען אין איר אָנפאַנג.

אָטביידע קוואַלן האָבן געגעבן דער צווייטער עליה דעם ציוניסטישן משכיל, וואָס איז אין ארץ־ישראל געוואָרן אַ פּראָלע־טאַריער, און דעם אַרבעטער, וואָס אין ארץ־ישראל האָט ער אָנגעהויבן צו לעבן מיטן פולן אָטעם פון ציוניסטישן שטרעבן.

וואָס איז שייך די דירעקטע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער צווייטער עליה, זיינען זיי אויך געווען צוויי: האָמעל און אוגאַנדע. זיי זענען ביידע אויסגעפאַלן אין איין צייט.

א גורל־יאָר פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג

דאָס יאָר 1903. דער ציוניסטישער געדאַנק אין רוסלאַנד איז שוין אַריינגעדרונגען אין ווייטע קרייזן פון יוגענטלעכע, פון אַלע שיכטן און שטרעמונגען. זיצן בחורים אין די מיטל־שולן אָדער הויך־שולן און טראַכטן וועגן ציון, זייערע בענקשאַפטן שטילן זיי מיט די ציוניסטישע לידער, וואָס איינער פון די באַדייטנסטע פון זיי איז די פאָלגענדע גלות־עלעגיע:

„על אָם הדרך שמה מתגוללת
שושנה חכלילת עינים;
נהדפת מסער, עליה נובלת,
מתגוללת פה מיומים.
והיא מתחננת לכל נוסע:
אנא, אישים, חנוני;
שמרו צעדיכם אותי מנגוע,
פן ורגליכם תרמסוני...״

(„אין מיטן וועג, דאָרט וואַלגערט זיך
אַ רויז פון בלויען בליט;
דער ווינט ער יאָגט זי האַסטיק גיך,
אין שטויב פאַרוועלקט איר צוויט.
אַ מענטשן, שיינקט מיר אייער גנאָד —
בעט זיך די בלויע רויז,
מיידט אויס צו טון אויף מיר אַ טראָט,
ווען ניט — דאַן גיי איך אויס"...)

אַרבעטער און אַרבעטערינס אין די וואַרשטאַטן, וואָס האָבן זיך שוין באַפרייט פון ערשטן צויבער־רוף פון דעם אנטי־ציוניסטישן „בונד", האָבן זיך דערנענטערט אַלץ מער און מער צום ציוניסטישן געדאַנק, פלעגן אויפהויבן די הענט און זינגען די באַקאַנטע „שבועה", דעם פועלי־ציוניסטישן הימן, וואָס פלעגט אויך פיל געזונגען ווערן אין ארץ־ישראל אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער עליה, אָן אונטערשייד פון פאַרטיי. עס איז אַ שטאַרק ציוניסטיש־רעוואָ־לוציאָנער ליד:

מיר הויבן די הענט קעגן מזרח און שווערן,
ביי ציון, איר פאַן, ביי איר הייליקער ערד,
ביי אַלץ וואָס מיר ליבן, וואָס הייליק מיר ערן,
ביי אונזערע העלדענס צעבראָכענע שווערד.
ביי אונזער געשיכטע, וואָס איז אָנגעשריבן
מיט אונזערע טרערן, מיט אונזערע בלוט,
ביי אַלץ וואָס מיר שווערן, דאָס פאָלק הייס צו ליבן
און קעמפן פאַר אים מיט ענערגיע און מוט.

פון דער ווייט זעען אַלע מיט זייערע גייסטיקע אויגן דאָס לאַנד פון זייער בייַנקשאַפט און קוקן אויס אויף דעם טאָג, ווען עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן די ציוניסטישע הבטחה: אָט־אָט וועט ד"ר הערצל באַקומען דעם צ'אַרטער (קאָנצעסיע) פון טערקישן

סולטאַן פאַר יידישע קאָלאָניזאַציע אין א״י. די האָפנונג פאַנגט דאָס האַרץ פון יעדן ציוניסט, אַלט און יונג; עס איז כדאי צו האָפן און צו וואַרטן. נאָר זעלטן באַווייזן זיך יונגעלייט מיט נשמה און מוט, וועלכע פרובירן אַליין צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק און פאָרן קיין ארץ־ישראל.

צווישן די ציוניסטישע יונגעלייט זיינען שוין געווען הונדער־טער אַרבעטער, בעיקר אין ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע, וואָס האָבן זיך גערופן „פּועלי־ציון״. אַ סך פון זיי זיינען געקומען צום ציוניזם נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אַנטוישט אין „בונד״. דער „בונד״ האָט דער ערשטער אָרגאַניזירט דעם יידישן אַרבעטער אַלס יידישן אַרבעטער, אָבער גלייכצייטיק האָט ער באַקעמפט — ווי ביז היינט — דעם ציוניסטישן געדאַנק...

אַזאַ גרופּע פון „פּועלי ציון״ האָט אויך עקזיסטירט אין האָמעל, וואָס צו יענער צייט איז דאָרט געווען אַ שטאַרקע ציוניס־טישע באַוועגונג און אויך דער „בונד״ איז דאָרט געווען טעטיק. אָט די דאָזיקע גרופּע האָט געפילט, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק מוז פאַרבונדן ווערן מיט אַ ציוניסטישן טאַט, אַז דער נאָמען „פּועלי ציון״ פאַרפליכטעט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די ציוניסטישע אידעע. זיי האָבן באַשלאָסן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אָבער פסח תרס״ג (1903) איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם אין קישענעוו — און די יוגנט פון האָמעל האָט באַשלאָסן זיך צוגרייטן צום פּאָגראָם, וואָס קאָן אויך אויסברעכן אין זייער שטאָט. אין הערבסט 1903 איז טאַקע אויך אין האָמעל אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. די יידישע שוץ־כוחות פון עטלעכע הונדערט אַרבעטער, וואָס זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט, האָבן וואונדער באַוויזן. זייער פירער, יחזקאל האַנקין, איז פאַרוואונדעט געוואָרן, און ער מיט נאָך אייניקע חברים זיינען געווען געצוואונגען זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיי געזוכט. פון זיין פאַרשיקונגס־שטאָט אָרגאַניזירט האַנקין די ערשטע גרופּע חברים פון „פּועלי ציון״ צו פאָרן קיין ארץ־ישראל — דאָס איז די באַקאַנטע „קבוצת הומל״.

וואָס איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל חנוכה תרס״ד, יאַנואַר 1904, און האָט געעפנט די תקופה פון דער צווייטער עליה.

אין דעם יאָר האָט אויך אויפגעציטערט די גאַנצע ציוניסטישע וועלט. הערצל׳ס האָפנונג און טרוים צו באַקומען פון דער טערקישער רעגירונג די קאָנצעסיע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין אַ פאַרשלעפטע זאַך. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער וועט זי גיך נישט באַקומען.

פון זיין גרויסער ליבע צום יידישן פֿאָלק, וואָס האָט טיף געברענט אין זיין האַרץ, און בעיקר פון זיין זאָרג פאַרן יידישן גורל אין רוסלאַנד אין יענער תקופה פון פּאָגראָמען, האָט ער זיך געמיט צו געפינען אַ וועלכן ניט איז וועג פאַר דרינגענדער רעטונג. דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז יידן זאָלן זיך באַזעצן אין אוגאַנדע, אין מזרח אַפריקע.

סוף יענעם זומער (1903) האָט דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשלאָסן ניט אָפּצוואַרפן דעם פאָרשלאַג און אויס־צופאָרשן די מעגלעכקייטן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע.

אַ סאַך ציוניסטן האָבן געזען אין דעם באַשלוס אַ מין פאַראַט פון דעם ציוניסטישן געדאַנק. מ. אוסישקין האָט דאַן מיט דער הילף פון עטלעכע יוגנטלעכע, אָרגאַניזירט די אַזוי־גערופענע „ציוני־ציון״, וועלכע האָבן אַגיטירט קעגן דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט. אויך בער באָראָכאָוו איז געווען צווישן די „ציוני ציון״. אוסישקין האָט דאַן פאַרעפנטלעכט זיין בראָשור „אונזער פּראָגראַם״, וואו ער האָט גערופן יעדן יוגענטלעכן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט צו אַרבעטן צוויי יאָר אַלס אַרבעטס־דינסט. עס האָבן זיך געפונען ציוניסטישע יוגענטלעכע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די צייט פאַרפליכטעט זיי צו רעטן דעם ציוניסטישן געדאַנק דורך זעלבסט־פאַרווירקלעכונג. אין ווינטער, נאָכן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, אָנפאַנג 1904, האָבן אָנגעהויבן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, יונגעלייט, פון די ישיבות, בתי־מדרשים, גימנאַזיעס, וואָס זענען

דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט. זיי זענען געפאָרן קיין א״י צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק, און צו רעטן די באַוועגונג פון דער סכנה פון בויען דעם ציוניזם בלויז אויף פאַרליטישע דערגרייכונגען, אויף דעם „טשאַרטער״.

דער אנפאַנג פון דער ארבעטס-ליטעראַטור

אין אָנהויב זענען געקומען נאָר ווייניקע, עטלעכע צענדליק, אָבער אין לויף פון יאָר 1904 האָט זיך די עליה פאַרוואַנדלט אין אַ „מאַסן עליה״, לויט די באַגריפן פון יענער צייט.

אין 1904 יאָר איז געווען אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, און אייניקע יידישע יונגעלייט זענען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, כדי נישט צו אָפּפערן זייער גוף און נשמה אויפן מזבח פון רוסישן צאַר. אַ סאַך פון זיי, מער ווי הונדערט מאַן, האָבן אויך אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל. אָבער זיי קען מען נישט צורעכנען צו די עולים פון דער צווייטער עליה, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין עולים, נאָר עמיגראַנטן, וואָס זענען מיט לייב און לעבן געווען פארבונדן מיטן גלות־לעבן.

מ׳דערציילט, אַז יענעם יום־כפור אין פתח־תקוה, ביים רופן „לשנה הבאה בירושלים״, ווי עס איז דער יידישער מנהג, זענען די קולות אין שול וואָס האָבן גערופן „לשנה הבאה בווילנה״, אָדער „השנה הבאה בבערדיצעוו״ געווען מער און שטאַרקער. ביים ענדע פון קריג האָבן זיי טאַקע פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אמת, די צאָל פון די ווירקלעכע עולים איז אויך געוואַקסן, אָבער אויך פון זיי זענען ווייניק פאַרבליבן, צווישן די ווייניקע זענען באַקאַנט די ברידער אליעזר און ישראל שוחט, אלכסנדר זייד א. א.

צווישן די יחידים איז געווען א ה ר ן ד ו ד ג אָ ר ד אָ ן, ער איז געוואָרן דער וועג־ווייזער און ביישפיל פאַר דער מערהייט פון דער צווייטער עליה. ער איז געקומען אין לאַנד נישט אַלס חבר פון

„צעירי ציון“ אָדער „פּועלי ציון“, נאָר ווי אַן אַלטער ציוניסטישער עסקן, וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ פּשוטער לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעטער און זיך צופּאַסן צו פיזישער אַרבעט. אין נאָוועמ־בער 1904 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַ ציוניסטישער צייטונג אין רוסלאַנד אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אַ בריוו פון ארץ־ישראל“, אין וועלכן ער באַהאַנדלט די לאַגע פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט און אַרבעט. דאָס איז דאָס ערשטע אַרטיקל פון דער צווייטער עליה, פון די שפּעטער פון דער אַרבעטס־באַוועגונג, ד. ה. דער אָנהויב פון דער אַרבעטס־ליטעראַטור. ער שרייבט צ. א.:

„פאַר אַ גרויסער באַוועגונג, ווי די, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אויפלעבן אַ טויט לאַנד, איז די הויפּט־זאַך — דער אָנהויב, דאָס ערשטע אויפוואַכן צום לעבן. די אויפגאַבע פון די ערשטע עולים און פון די, וואָס וועלן נאָך קומען, איז צו וועקן און ברענגען צו אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון וועמען־נישט־איז און פון־וואָס־נישט־איז פון אויסן; ווי עס שטייט געשריבן: אם אין אני לי — מי לי? (אויב איך וועל נישט זאָרגן פאַר זיך אַליין — ווער וועט פאַר מיר זאָרגן?). פאַר אונזער באַוועגונג איז העכסט וויכטיק דער, וואָס פאָרט אַ ל י י ן קיין ארץ־ישראל, באַזעצט זיך, און אַרבעט צום נוצן פון פאָלק, אָדער אפילו פאַר זיין אייגענער נוץ, דער עיקר — ער זאָל דאָ אַרבעטן ממשותדיק, אין פשוטן זין פון וואָרט.

„וואָס זענען אונזערע כוחות און מיטלען? דערווייל דאַרף מען זאָגט טפן: גאָרנישט. עס זענען דאָ צווישן די איינוואוינער יחידים, און אויך צווישן די יוגנטלעכע, וואָס זענען איצט געקומען, זענען פאַרן יחידים, און דאָס איז אַלץ! וואָלטן אָט די יחידים זיך פאַראייניקט און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט!

„וואָלט מיין שטים געהערט געוואָרן, וואָלט איך גערופן יעדן, וואָס האָט אַ ביסל גייסט, ער זאָל קומען קיין א״י באַאַרבעטן דעם באָדן. דאָס לאַנד איז גרייט אויפצונעמען מיט אָפענע אָרעמס אַרבעטער, פעהיקע און טרייע, וואָס זענען גרייט ליידן און אַלץ

איבערצוטראָגן. אָט דאָס איז די אמתע נאַציאָנאַלע אַרבעט, וואָס איז ראוי גערופן צו ווערן ציוניזם".

דער רוף, וואָס האָט באַוואויגן

גאָרדאָנ׳ס רוף האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג. און „ווער עס האָט גייסט" האָט זיך נישט אָפּגערופן און איז נישט געקומען קיין ארץ־ישראל. אָבער פיר־פינף חדשים שפּעטער האָט יוסף ויתקין, אַ העברעאישער לערער אין גליל, וואָס האָט באַגלייט מיט גרויס צער און פיל פאַרשטענדיניש די ליידן און פּלאָגן פון יידישן ישוב און זיך צוגעקוקט צו דער נייער עליה, פאַרעפענטליכט אין מערץ 1905 (אדר תרס"ה) אַן „אויפרוף צו דער יידישער יוגנט, וואָס איר האַרץ איז מיטן פאָלק און ציון" און אונטערגעשריבן דעם אויפרוף: „אַ גרופּע צעירים פון ארץ־ישראל". דער אויפרוף איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן דורך אויסישקין אין פיל עקזעמפּלאַרן צווישן דער יידישער יוגנט אין די רוסישע שטעט. דער אויפרוף אַנטהאַלט אַ לאָגישע אויפקלערונג איבער דער לאַגע פון די יידן און דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן געדאַנק. צוגלייך אַפּעלירט דער מחבר פון אויפרוף אויך צום געפיל.

און אָט זענען עטלעכע אויסצוגן פון אויפרוף:

„מיר טאָרן זיך אַליין נישט נאַרן און זאָגן: אונזער וועג איז אַ לייכטער און קורצער — — — מיר דאַרפן אָן מורא קוקן פאָראויס, אויב אפילו מיר וועלן זיך איבערצייגן, אז אונזער וועג איז זייער שווער און זייער לאַנג, דאַרפן מיר גיין אונזער וועג, נישט קוקנדיק צוריק. מיר דאַרפן אָנערקענען אַז אונזערע שיפן זענען פאַרברענט געוואָרן, אַז עס איז נישטאָ פאַר אונז קיין אַנדערער רעטונגס־אָרט, נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט! מיר דאַרפן האָרעווען כדי צו דערגרייכן אונזער לאַנד, און קעמפן פאַר אים מיטן כוח פון פאַרצווייפלטע!

אָט אַזוי, מיט אַזאַ פשוטקייט און האַרציקייט האָט ויתקין אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען. אַזעלעכע ווערטער, וואָס שטראָמען

אַרויס פון אַ פילנדעס האַרץ, פון אַ טיפער אויפפּאַסונג פון דער ווירקלעכקייט, קלינגען אויך אין שפּעטערע צייטן אַקטועל, פּונקט ווי אין יענער צייט, ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן. אַזוי ווי אַ בביאיש גייסט שוועבט איבער די שורות.

אָבער ויתקין באַגנוגנט זיך נישט מיט פּריידיקן; ער ברענגט אויך אַ פּראַקטישן פּאָרשלאַג:

„אונזער קאַמף איז לאַנג און שווער, ער פאָדערט פון זיינע קעמפער גרענעצלאָזע ליבע צום פאָלק און לאַנד, גבורה און גרויס אויסדויער. פון אָט די געבענטשטע מיט אַזעלכע סגולות, וועלן מיר אויסקלייבן די אמתע פאָלקס־קעמפער, מענטשן, וואָס זייער געזונט, עלטער און פאַמיליע־לאַגע וועלן זיי דערלויבן אַריינטרעטן אין אַ אָרגאַניזאַציע פון שטרענגער דיסציפּלין און זיך אָפּגעבן פאַר דער נאַציאָנאַלער אַרבעט.

„אָט די חלוצים וועלן זיך פאַרנאַנדערטיילן אין גרופּן פון הונ־דערט, אָדער פופציק מאַן, זיי וועלן קומען קיין ארץ־ישראל צו באַאַרבעטן איר ערד, און סוף־סוף זיך באַזעצן אויפן באָדן, נישט וואַרטענדיק אויף הילף פון דער זייט אָדער מיט אַ מינימאַלער הילף, וועלכע זאָל גיך צוריקגעגעבן ווערן.

און דאַן ווענדעט ער זיך מיט אַ רוף פון טיפן האַרצן צו דער יידישער יוגענט:

„וואַכט אויף, שטייט אויף, יידישע יוגנטלעכע, גייט העלפן דעם פאָלק! אונזער פאָלק גייט אויס, אונזער לאַנד קען זיך אַרויסגליטשן פון אונזערע הענט, איילט זיך! אָרגאַניזירט זיך, נעמט אויף זיך א שטרענגע דיסציפּלין, — און קומט צו דער אַרבעט פאַרן פאָלק! איר זייט בויטיק פאַרן פאָלק און לאַנד ווי לופט צום אטעמען. שטאַרקט אייער ליבע און שמידט אייער ווילן צו פרייהייט און אַרבעט, באַוואָפנט זיך מיט גרויס אויסדויער — און קומט! ווייל נאָך אַ ווײַלע — און מיר זענען פאַרלאָרן!“.

אָט דער אויפרוף, וואָס איז פאַרפּאַסט געוואָרן נאָך אַ באַראַ־טונג מיט עטלעכע עולים פון דער נייער עליה, ווי עס איז צו זעען

פון דער אונטערשריפט „אַ גרופּע צעירים פון ארץ־ישׂראל״, איז נישט אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינער צושטימונג פון די אַרבעטער. איינער פון די גרינדער פון „הפּועל הצעיר״, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל אין 1904, דערציילט, אַז אייניקע אַרבעטער האָבן אויסגעדריקט אַ געגנערשאַפט צו דער פּראַקטישע פּראָגראַם, וואָס איז דער עיקר אין דעם אויפרוף. אָרגאַניזירן גרופּעס פון עולים אין אויסלאַנד — ניין, דאָס איז פּסול, ווייל מען דאַרף עולה זיין פון אינעווייניקסטער התעוררות — און נישט דורך אָרגאַניזירונג. אַרבעטן אין דער מושבה כדי זיך באַזעצן אויפן באָדן — ניין; דער נייער עולה דאַרף לעבן פון לוין־אַרבעט אין דער מושבה, אַלס פּראָלעטאַריער, דער געדאַנק פון זיך באַזעצן אויפן באָדן, איז פאַרבונדן מיטן פאַרדאַכט, אַז דער אַרבעטער וועט גיין אין די וועגן פון די קאָלאָניסטן און וועט געניסן ווי זיי פון „חלוקה״ („חלוקה״ האָט געהייסן די שטיצע־געלדער, וואָס דער אַלטער ישוב האָט באַקומען פון גלות, און אַזוי האָבן די אַרבעטער גערופן אויך די שטיצע, וואָס די אכרים האָבן באַקומען). אָבער דער אויפרוף איז דאָך געשריבן געוואָרן נישט פאַר די שוין־פאַראַנענע אין ארץ־ישׂראל נאָר פאַר אויסלאַנד. דאָרט האָט ער דוקא שטאַרק באַאיינ־פלוסט אַ סך יוגענטלעכע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן און אָנגעהויבן קומען קיין ארץ־ישׂראל.

אָט דער אויפרוף, הגם ער איז דערשינען אַ יאָר מיט אַ פערטל נאָך דעם אָנהויב פון דער צווייטער עליה און אין אַ באַשטימ־טער מאָס איז ער געוויס באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר, איז היסטאָריש גענומען — אַן עיקר־פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער צווייטער עליה. ווי עס זאָל ניט זיין, איז ער, לויט זיין אינהאַלט און סטיל, אַ קלאַסישער דאָקומענט, וואָס לויט זיין השפּעה האָט ער נישט זיין גלייכן אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה.

כבוש העבודה

י. ויתקינ׳ס אויפרוף איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַנט צו דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאַנואר 1905, וואָס איז, ווי באַקאַנט,

אונטערדריקט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט געבראַכט אַ סך יוגענטלעכע צום ציוניזם, אין דער זעלבער צייט האָט אויסגעבראַכן אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. „פּועלי ציון" און „צעירי ציון" האָבן איינטייל גענומען אין יידישן זעלבס־שוץ. אָט די אַלע דריי פאַקטאָרן — ויתקינ'ס אויפרוף, די אונטערדריקטע רעוואָלוציע, די פּאָגראָמען און יידישער זעלבסט־שוץ — האָבן צוזאַמען געשטאַרקט דעם שטראָם פון דער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל. עס זענען געקומען אין א"י יוגנטלעכע פון שטעט און שטעטלעך פון אַלע עקן פון רוסלאַנד; עס זיינען געקומען ישיבה־לייט און שילער פון גימנאזיעס, אַרבעטער, בעלי־מלאכות און האַנדלס־אַנגעשטעלטע.

אָט די אַלע, די עולים פון 1904, אַזוי אויך די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויפן רוף פון גאָרדאָן און ויתקין, האָבן זיך געזען ווי ניי־געבאָרן, מענטשן וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם גלות און געגאַנגען צו זעלבסט־אויסלייזונג. אַלע זענען געקומען מיט דער כונה צו אויפלעבן דעם באָדן פון ארץ־ישראל מיט זייער שווייס און פּראַצע. נאָר ווייניקע זיינען פאַרבליבן אין שטאָט. די מערהייט זענען געגאַנגען אין דער מושבה (קאָלאָניע) און האָבן געזען פאַר זיך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפגאַבע. זיי האָבן געזען, אַז די יידישע קאָלאָניעס זענען יידיש נאָר לויט זייער נאָמען, פאַקטיש זיצן אין יעדער קאָלאָניע עטלעכע צענדליק יידן און אַ סך הונדערטער אַראַבער, וואָס באַאַרבעטן דעם יידישן באָדן און טוען אַלע אַרבעטן אין שטוב און אין הויף. זיי האָבן געזען די „קאָלאָניסטן", וואָס זענען אַהער געקומען אין נאָמען פון ציוניסטישן געדאַנק צו שאַפן דאָ אַ ניי פאָלק פון יידישע ערדאַרבעטער — און אָט האָבן זיך אַ סך פון זיי דערווייטערט פון דער אַרבעט און זייערע ווירטשאַפטן ווערן אויפגעהאַלטן פון אַראַבישע דאָרף־מענטשן. די מערהייט פון אָט די קאָלאָניסטן זענען געוואָרן הייסע אָנהענגער פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע און קעגנער פון ציון. זייערע קינדער האָבן זיי געלאָזן פאַרלאָזן ארץ־ישראל און פאָרן אין

פאַרשידענע לענדער אויף דער וועלט זוכן גליקן. די נייע עולים האָבן צוגעהערט דעם שפּאָט פון די קאָלאָניסטן: וואָס זייט איר געקומען אין „אַ געפּגרט לאַנד״? דאָס איז כּמעט אומגלויבלעך איצט, אָבער אַזוי איז עס געווען. למען האמת, מוז מען זאָגן, אַז צווישן די קאָלאָניסטן זענען געווען אויך אידעאַליסטן, וואָס האָבן שטאַרק און טיף ליב געהאַט דאָס לאַנד.

דער איינפלוס פון אחד העם, דעם גרויסן פּובליציסט און לערער, איז צו יענער צייט געווען זייער גרויס, און יעדער יוגנט־לעכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט זיין פראַגע און ציטער, וואָס ער האָט אויסגעדריקט ביי זיין באַזוך ביים כותל מערבי: „אַ לאַנד אַז עס ווערט חרוב — קומען עזרא און נחמיה און בויען עס אויף פון דאָס ניי; אָבער אַ פאָלק, אַז ער ווערט חרוב — פון וואַנען קען קומען זיין רעטונג?״. און אָט זענען געקומען יוגענט־לעכע צו ראַטעווען דאָס פאָלק, זענען געקומען קיין ארץ־ישראל צו בויען גלייכצייטיק לאַנד און פאָלק, און אויף דעם אופן צו געבן אַ פּראַקטישע און גרונטלעכע תשובה אויף דער פראַגע פון גרויסן לערער, זיי זענען געקומען און געזען דאָס נייע היים, וואָס דאָס פאָלק בויט אין דער ציוניסטישער קאָלאָניע, און האָבן געזען דאָס, וואָס דער גרויסער מוכיח, אחד העם, האָט נישט געזען ווען ער איז געשטאַנען ביים שריד פון אַלטן יידישן הייליקטום אין ירושלים: נישט בלויז דאָס לאַנד איז הרוב, אויך די בויער פון חרובן לאַנד האָבן זי אַליין פיינט געקראַגן, די פּיאָנערן פון דערוואַכנדיקן פאָלק זענען חרוב געוואָרן און אָפּהענטיק. וואָס האָבן אַלזאָ די נייע עולים, זעענדיק דעם גייסטיקן חורבן פון די פריערדיקע בויער, געקענט טאָן? זיי זענען אַוועק אָן אַ זייט און האָבן געוויינט, זיי האָבן אָבער אויך געבויט. זיי האָבן באַשלאָסן צו ראַטעווען די יידישע קאָלאָניע — אָט די איינציקע פּראַקטישע שאַפונג פון ציוניזם — פון איר ירידה, אומצוקערן זי צום יידישן פאָלק, איינפירענדיק אין איר יידישע אַרבעט; טראָץ דעם שפּאָט פון די קאָלאָניסטן איבער די „שמענדריקעס״, בטלנים, אָט די צאַרטע און שוואַכע

יונגעלייט, וואָס זענען אַזוי נאַריש און ווילן באַאַרבעטן די ערד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָר פאַרן גוישן קנעכט, טראָץ דעם שפּאָט האָבן זיי באַשלאָסן צו דעראַבערן זיך צו דער אַרבעט. זיי האָבן גענומען אין באַטראַכט דעם ביטול און האַס פון די אַרומיקע און זיי האָבן אויסגעשמיט אַן אייזערנעם ווילן, אויסדויער און עקשנות. זיי האָבן באַשלאָסן צו קעמפן מיט דער נאַטור און קודם־כל מיט דער יידישער גלותדיקער נאַטור, וואָס איז ווייט פון דער ערד און אַרבעט, קעמפן קעגן הונגער און מענטשן צוגלייך. אַלץ, ווי עס איז געשריבן אין ויתקינ׳ס אויפרוף, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז זיי מוזן אָנהויבן אַ נייע תקופה אין א״ידיקן ישוב, די תקופה פון יידישער אַרבעט, „דעראָבערן די אַרבעט״ („כבוש העבודה״). דאָס איז טאַקע געוואָרן דער גרויסער אויפטו פון דער צווייטער עליה.

י ס ו ר י ם

אָבער דעראָבערן די אַרבעט איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דער נייער עולה, וואָס איז געקומען שאַפן אַ נייע תקופה, האָט געזען, אַז אים פעלט די מעגלעכקייט צו שאַפן אפילו איין טאָג פון פשוטער עקזיסטענץ פאַר זיך. ער האָט געליטן ניט נאָר הונגער, חרפּות און בזיונות פון דעם קאָלאָניסט, ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָ. איז ניט קיין פראַגע פון אַרבעטסלאָזיקייט, פאַרקערט: אַרבעט איז דאָ פאַראַן איבערגענוג, אָבער „זיין האַנט איז קיין האַנט ניט״ אין די אויגן פונם קאָלאָניסט, וועלכער איז געווען געוואוינט צו טאַפּן די מוסקולן פונם אַרבעטער אויפן אַרבעטס־מאַרק, ווי אַמאָל אויפן קנעכט־מאַרק אין די מזרח לענדער.

איינער פון די אַרבעטער שילדערט אַזוי דעם אַרבעטס־מאַרק:

„אויפן ברייטן מאַרק־פּלאַץ, נעבן דעם אַרבעטער־האָטעל, זאַמלען זיך צונויף הונדערטער אַראַבער; זיי וואַרטן שוין דאָ פון פריען באַגינען. דאָס זיינען די סעזאָן־אַרבעטער. אויך די שטענדיקע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס וואוינען ביים קאָלאָניסט אין הויף, און

גייען גלייך צום פּרדס, קענען געציילט ווערן אין די הונדערטער; צוזאַמען מיט די סעזאָן־אַרבעטער זענען זיי 1500 אַ טאָג. און מיר, עטלעכע צענדליק יידישע אַרבעטער, זענען אָפט אַרבעטסלאָז, שטייען אויפן מאַרק און קוקן אויס אויף אַן אַרבעטס־טאָג.

„און אָט דערשיינט דער אַרבעטס־געבער, אַ זון פון דיין אייגן פאָלק, ער רייט אויף אַן אייזל, זאַט און צופרידען, אַ בייטש אין דער האַנט, רעט גראָב, ווייס געקליידעט. — איז דאָס אַ קאָלאָניסט? זיין בליק גיט דיר אַ שמיץ איפן פּנים און דו בלייבסט ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט, און די אויגן גייען דיר אַרויס צוזעענדיק, ווי אָט די אַלע פרעמדע אַרבעטער שטראָמען נאָך דעם קאָלאָניסט צו דער אַרבעט. נאָך דעם וואַלגערסט זיך אין שמוציקן האָטעל, אויף דער „בעט" פון ברעטער, נידערגעשלאָגן, קריצסט מיט די ציין און וואַרטסט אויפן מאָרגנדיקן טאָג, ווידער צו שטיין אַזוי נעבעכדיק אויפן אַרבעטס־מאַרק".

און די קאָלאָניסטן — ניט נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָננעמען אַ נייעם יידישן עולה צו דער אַרבעט, נאָר די, וואָס האָבן שוין יאָ גענומען אַ יידן צו דער אַרבעט, האָבן אים שווער געמאַכט דעם איבערגאַנג צו אַרבעט. עס זענען געווען ביז גאָר ווייניקע פאַלן, ווען די משגיחים און די עלטערע אַרבעטער האָבן געלערנט דעם נייעם עולה צו געפינען זיין וועג אין דער אַרבעט, ווי אַזוי צו האַלטן דעם מעדר, ווי עס אויפהויבן און אַראָפּ־לאָזן א. ד. ג. על־פּי־רוב איז דער נייער עולה געשטאַנען פאַר אַ זייער שווערן נסיון. מ׳פלעגט אים אַריינשטעלן איינעם צווישן די שורות דערפאַרענע אַראַבישע אַרבעטער און ער פלעגט מוזן זיי נאָך יאָגן, לויפן מיט זיי און זיך אויסגלייכן מיט זיי אין דער אַרבעט. און די האָבן פאַרשטאַנען אויסצוניצן דעם „גרינעם" און זיי פלעגן, להכעיס, זיך איילן כדי אים צו בלאַמירן. דער נייער עולה האָט זיך געפילט פאַראיינזאַמט צווישן די משונה׳דיקע גויים וואָס לאַכן פון אים אין אַ מאָדנער שפּראַך מיט קולות און געפילדער.

און דאָך, אויב זיי האָבן געקענט אויסהאַלטן די אַלע יסורים,

איז עס נאָר אַדאַנק דעם כוח פון זייער דערהויבענעם אידעאַל — צו דעראָבערן פאַר זיך די אַרבעט און זיך פאַרבינדן מיט דער ערד. ווייל היילִיק איז געווען די ערד און איר היילִיקייט האָט באַשטראַלט אויך דעם אָרעמען אַרבעטס־לוין. אַזוי דערציילט איינער וועגן יענער צייט:

„מיין חבר האָט מיר איבערגעריסן די רייד — — און מיר באַווייזן מיט גרויס פרייד אַ מטבע. ער האָט געשטראַלט פון גליק: איך וועל זי, די מטבע, אין פאַפּיר איינוויקלען, איך וועל זי אין אַ באַזונדער ביטעלע אריינלייגן און אָנבינדן אַלס אַ־דענק. אָט די מטבע האָב איך באַקומען אַלס אַרבעטס־לוין, מיין ערשטער לוין אין ארץ־ישראל".

אין דער יידישער אַרבעט אין דער קאָלאָניע האָבן די ערשטע עולים פון דער צווייטער עליה געזען די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם; דערפאַר זיינען זיי מקבל באהבה געווען די יסורים, וואָס זיינען אַן אומאפטיילבאַרער פּראָדוקט פון דעם פּראָצעס, וואָס הייסט כבוש עבודה (דעראָבערן די אַרבעט). אָבער נישט נאָר פון דעם אַרבעטס־געבער האָבן זיי געליטן. נאָך מער האָבן זיי געליטן — און די ליידן זענען מאָראַליש מער פּיינלעך און שווער — פון די, וואָס זענען זאָגאַר נענטער צום אַרבעטער, פון די אַזוי גערופענע משגיחים. ב. כצנלסון האָט אויסגעדריקט די באַציאונג צום משגיח אין די פאָלגענדע שורות:

„די דערשיינונג, וואָס הייסט משגיחות, איז אַן אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פון אונזער עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די משגיחות האָט אַן אייגענע אינערלעכע לאָגיק און באַזונדערע עקזיסטענץ־געזעצן, וואָס געפינען זיך אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צום יידישן אַרבעטער, ווייל די משגיחות איז אָפּהענגיק פון דער נישט־יידישער אַרבעט און פון איר ציט זי איר חיונה, דער משגיח איז נישט מער ווי אַ בייטש אין די הענט פון זיין בעל־הבית. ווען דער קאָלאָניסט האַלט, אַז עס לוינט אים נישט צו אַרבעטן מיט יידן, וועט דער משגיח נישט וואַגן אים ווידערשפּעניגן. פאַרקערט:

ער וועט נאָך מער „האָרב" זיין, ער מוז זיך דאָך „אויסצייכענען". די מטבע פון משגיח האָט צוויי זייטן: פאַרקנעכטונג און חניפה — צום בעל־הבית, מאַכט און חוצפה — לגבי דעם אַרבעטער".

עס זענען געווען גוטע אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, וואָס זענען געוואָרן משגיחים. אַ סך פון זיי זענען דערצו דערגאַנגען מיט אַ גוטער כונה, כדי צו געבן דעם ענין פון משגיחות אַ נייעם אינהאַלט און אים מאָראַליש דערהויבן, אויך צו ברענגען נוצן דער יידישער אַרבעט. אָבער גאָר ווייניקע האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון, ביז זיי האָבן זיך אַנטוישט אין זייער גוטן טרוים. די מערהייט איז מאָראַליש געזונקען און געוואָרן פיינטלעך צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

די ערשטע שריט צו דער אָרגאַניזירונג

אַזוי יאָגט איין צרה די צווייטע, און איינע איז שווערער פון דער אַנדערער. אָבער די גרעסטע און שווערסטע צרה איז די איינזאַמקייט. „דער יונגטלעכער, וואָס קומט אין דער קאָלאָניע, נאָר וואָס זיך אָפּגעריסן פון זיין פאַמיליע, על־פי־רוב קעגן דעם ווילן פון די עלטערן, און פּלוצלינג — אַזאַ לעבן, איינזאַם, פרעמד און שטענדיקע דערנידערונג. „מ'מוז פאַר אים געפינען אַ נייע משפחה, אַ חברים־משפחה, וואָס זאָל אים העלפן טראָגן די ליידן אין דער פרעמדער קאָלאָניע". אין צווייטן יאָר פון דער נייער עליה האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין פתח־תקוה מכוח אָרגאַניזירן זיך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרענטפערן די ממשותדיקע טאָג־טעגלעכע נויטן, בעיקר: אַ געמיינזאַמע אַרבעטער־קיך, קראַנקן־הילף וכדומה. דאָס הייסט: די נויטווענדיקייט צו געפינען אַ מעגלעכקייט פאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס זאָל אויספילן דעם ליידיקן אָרט פון משפחה און קרובים. קעגנזייטיקע הילף — איז דער יסוד פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטס־באַוועגונג אין לאַנד פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ ביז היינט. די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שמועסן מכוח אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — דער גרעסטער טייל

פון זיי אַרבעטן נאָך מיט אונז היינט: אליעזר שוחט, איצט אין נהלל, ש. לביא, דער פאָטער פון גרויסן קבוץ, היינט אין עין־חרוד, שׂרה מלכין פון דער אַרבעטערינס־ווירטשאַפט אין עפולה, דער שריפט־שטעלער ש. צמח און נאָך פינף. די נײַן האָבן באַשטימט די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע און האָבן זיך אַנטשלאָסן צו ברענגען עס פאַרן ברייטן עולם, ד. ה. צוגרייטן אַ „פּראָגראַם", וואָס וועט אַקצעפּטירט ווערן דורך אַלע אַרבעטער.

אין יחזקאל חאנקין׳ס צריף זענען זיך קרוב צו 40 אַרבעטער צוזאַמענגעקומען אין איינעם פון די שיינע נעכט פון חודש אב תרס״ה (יולי 1905) און האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען פאָלגענדע פּראָגראַם: כיבוש עבודה, גרינדן אַן אַרבעטער־קיך, הילף פאַר נײַע עולים און קראַנקע. אָט־אָט, שיינט עס, גרינדעט זיך די „אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל", די „הסתדרות הכללית". שוין דאָ, מיט 42 יאָר צוריק, 15 יאָר איידער זי איז געגרינדעט געוואָרן. אָבער נישטאָ אַן אָרגאַניזאַציע אָן אַ נאָמען. אייניקע פון די פאַרזאַמלטע שלאָגן פאָר קלאָר און פשוט — „פּועלי ציון", דער נאָמען וואָס איז ווי צוגעפּאַסט פאַר זיי. אָבער די מערהייט האַלט, אַז דעם נאָמען קען מען נישט אָננעמען, און דווקא דערפאַר וואָס ער איז שוין באַקאַנט, נאָך פון חוץ־לארץ. דאָרט האָט ער אַ געוויסע טראַדיציע, אַ פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייט אין דער אַלגעמיין סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפטלעכקייט; די, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן נאָר אין ציוניסטישן גייסט קענען דעם נאָמען „פּועלי־ציון" נישט אָננעמען. און די פאַרזאַמלונג צוטיילט זיך אין צווייען.

עטלעכע וואָכן שפּעטער, סוכות תרס״ו (אָקטאָבער 1905), איז געגרינדעט געוואָרן די „הסתדרות הפועלים הצעירים בארץ־ישראל" (די אָרגאַניזאַציע פון די יונגע יידישע אַרבעטער אין א״י), וואָס האָט שפּעטער געקירצט איר נאָמען און זיך גערופן: „הפועל הצעיר". (דער „יונגער אַרבעטער"). נישט לייכט איז דער נאָמען געפונען געוואָרן. עס איז געווען אַ נויטווענדיקייט צו געפינען אַ נאָמען, וואָס זאָל זיי אונטערשיידן קלאָר און דײַטלעך פון דער אַלטער

„הסתדרות הפועלים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין תר"ס (1900) און האָט נאָך דאַן אויך עקזיסטירט. איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגען פאַר אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, אַ ציל, וואָס איז געווען לחלוטין פּסול אין די אויגן פון די נייע עולים. האָט טאַקע דער נאָמען געדאַרפט אָפּגרענעצן די ניי־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע פון די אַלטע אַרבעטער און זייער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר איז אַזוי געפעלן געוואָרן דער נאָמען: „דער יונגער אַרבעטער" („הפועל הצעיר").

צוויי ארבעטער־פּארטייען

אין לאַנד (אין יהודה און גליל) זענען דאַן געווען אַרום 600 אַרבעטער — פון זיי איז אַ דריטל געווען אַלטע אַרבעטער, פון דער ערשטער עליה. די מערהייט פון די נייע אַרבעטער זענען געווען אין די מושבות און האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם „הפועל הצעיר", די מינדערהייט איז געווען אָרגאַניזירט, נאָך אין אויסלאַנד, אַלס „פּועלי־ציון". אַ סך פון די פּועלי־ציון חברים האָבן געאַרבעט אין די שטעט, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מלאכה אָדער האָבן געאַרבעט אין דער אינדוסטרי. די חברים פון „הפועל הצעיר" איז געווען לייכטער זיך צו אָרגאַניזירן, ווייל זיי זענען געווען קאָנצענטרירט אין דער קאָלאָניע, וואָס איז געווען דער ברען־פּונקט פון דער צווייטער עליה, און אויך דערפאַר וואָס מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען פיל אינטעלעקטועלע כוחות — לערער און באַאַמטע אין שטאָט, וואָס האָבן זיך געקענט פאַרנעמען מיט געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט. די פּועלי־ציון, דאַקעגן, זענען געווען צושפּרייט איבערן לאַנד און ס'האָבן זיי געפעלט אינטעלעקטועלע כוחות. נאָך אַ שוועריקייט איז געווען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך. העברעאיש איז אַלץ מער געוואָרן די שפּראַך פון די אַרבעטער. די פּועלי־ציון, אַרבעטער פון זייער יוגנט אָן, האָבן די שפּראַך געקאָנט פיל ווייניקער, ווי די חברים פון „הפועל הצעיר". (מ'דערציילט, אַז ווען ד. בן־גוריון איז געקומען אין א"י, האָבן אים די פּועלי ציון אויפגע־נומען מיט אַ דאָפּלטער פרייד: אָט האָבן מיר אויך איינעם, וואָס

קען זיך גוט אויסדריקן אין עברית! ערשט אין 1907 איז געקומען יצחק בן־צבי, פון די גרינדער פון פועלי־ציון אין רוסלאנד און אַ נאָנטער חבר פון ב. באָראָכאָוו). דאַן, אין יאָר 1906, איז געגרינדעט געוואָרן די פועלי־ציון פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. דער ערשטער אָרגאַניזירטער טאַט איז געווען די ערשטע־מאַי פייערונג אין יאָר 1906, וואָס איז פאָרגעקומען אין נס־ציונה, וואו ס׳זענען צוזאַמענגעקומען עטלעכע צענדליק אַרבעטער פון די קאָלאָניעס אין יהודה און פון יפו. און נאָך וואָס: די פועלי־ציון האָבן געהאַט אַ באַשטימטע פּראָגראַם און זענען געווען אָרגאַניזירט אַלס יחידים נאָך פון פריער. די חברים פון „הפועל הצעיר" האָבן נישט געהאַלטן קיין סך־פון אַ פּראָגראַם. עס איז פאַראַן אַ ציל — כיבוש עבודה — און דאָס איז גענוג! אָבער אויפהאַלטן אַ פּאַרטיי פאַרפליכטעט צו האָבן אַ פּראָגראַם, און עס איז זיי שווער געפאַלן צו שאַפן און פאָרמולירן אַ פּראָגראַם. פועלי־ציון, דאַקעגן, זענען געקומען מיט אַ צוגעגרייטער פּאַרטיקער פּראָגראַם.

אַט אַזוי זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס זייער סעפּאַראַטע עקזיסטענץ קען אפשר אויסזען ווי אַ צופאַל, ווייל די פראַגע פון נאָמען האָט פיל געווירקט, אָבער פון אָנפאַנג־אָן איז קלאָר געוואָרן דער אינטערשייד צווישן זיי: דער אויסגאַנג־פּונקט פאַרן „הפועל הצעיר" אין זיין אָרגאַניזירונגס־ווילן איז געווען — ארץ־ישראל, פאַר די „פועלי־ציון" איז דאָס לאַנד געווען אַ זאַמעל־פּונקט פאַר די פון פריער אָרגאַניזירטע חברים. דער „הפועל הצעיר" האָט פון אָנהויב אָן זיך באַמיט צו קאָנצענטרירן ארום זיך די ציוניסטישע יוגענטלעכע אין גלות, די „פועלי־ציון" זענען געווען פאַרבונדן מיט זייער וועלט־באַוועגונג און זענען פון איר באַאיינפלוסט געוואָרן (אמת, עס זענען געווען חברים, און באַזונדערס ד. בן־גוריון, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער זעלבסט־שטענדיקייט און אייגענעם וועג פון די פועלי ציון אין לאַנד און פאַר איר השפעה אויף דער וועלט־באַוועגונג. אָט דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן ערשט מיט דער גרינדונג פון „אחדות־העבודה").

דער אונטערשייד צווישן די פּאַרטייען האָט באַאיינפלוסט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די אַרבעטער אין משך פון דער גאַנצער תקופה פון דער צווייטער עליה.

דער באיקאָט אויפן יידישן ארבעטער

אָבער די ווירקלעכקייט און די אַרבעטס־באַדינגונגען האָבן באַשטימט איין גורל פאַר אַלעמען, און אין יאָר 1906 איז ער אויסגעפאַלן באַזונדערס ביטער און גרויזאַם. אין 1906 האָבן די אכרים פון פתח־תקוה אויסגערופן אַ חרם, אַ טאָטאַלן באָיקאָט אויף דעם יידישן אַרבעטער. דוקא אין דער מושבה, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט פון זייער אייגענעם ווילן די נייע עולים, דאָרט, וואו ס'איז געשטאַנען די וויגעלע פון דער באַוועגונג, פון דאַנען האָט מען באַשלאָסן צו פאַרטרייבן דעם יידישן אַרבעטער, און נישט צוליב אַרבעטס־ענינים, נאָר צוליב אַ רעליגיעזן סכסוך, ריכטיקער: צוליב דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די אכרים.

דאָס הייפעל יונגע אַרבעטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוציונגס־צענטער פאַר דער יוגנט פון דער מושבה, פאַר די מער פּראָגרעסיווע פון זיי. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אויך אַ געוויסע קולטור־רעלע אַרבעט: אַזוי האָט מען איין טאָג באַשלאָסן איינאָרדנען אַן אָוונט מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציע. אין דער צייט זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין הערבסט 1905, די עולים פון רוסלאַנד האָבן באַזונדערס געפילט די נויטווענדיקייט אויסצודריקן עפנטלעך זייערע געפילן פון באַגייסטערונג און אָפּשאַצונג פאַר די העלדן פון יידישן זעלבסט־שוץ. אָבער אַנדערש האָבן אויף דעם געקוקט די פירער פון דער מושבה, וואָס האָבן בכלל געקוקט קרום אויף דער פריינשאַפט פון זייערע מיוחס'דיקע זין און טעכטער מיט די „אָפּגעריסענע" אַרבעטער. „זיי וועלן נישט לאָזן איינאָרדנען אַן אָוונט, וואו עס וועלן איינטייל נעמען מענער און פרויען צוזאַמען". די אכרים פון פתח־תקוה זענען געווען פאַנאַטיש פרום. דער ועד פון פתח־תקוה האָט געדראָט מיט אויסרופן אַ חרם

אויף גיסינ׳ס הויז, וואו דער אָונט האָט געדאַרפט פאָרקומען. נאָך דעם, ווי מ׳האָט אַריבערגעפירט דעם אָונט אין אַ צימער פון אַ חבר, האָבן זיי געשיקט פּאָליציי צו שטערן, אָבער מיט דער הילף פון דער יוגנט פון דער מושבה איז דער אָונט אַריבער אָן שטערונגען. דאַן האָט דער ועד המושבה פאָראָרדנט דעם אַרבעטער־קאָמיטעט (ועד הפועלים) צו פאַרלאָזן די מושבה. און ווייל זיי האָבן נישט פאַרלאָזן און האָבן געפאָדערט אַ געריכטלעכע אויפקלערונג — האָט דער ועד פון דער מושבה באַשלאָסן צו באָיקאָטירן די יידישע אַרבעטער אין פתח־תקוה און האָבן געשיקט שליחים אין אַלע אַנדערע מושבות, אַז זיי זאָלן זיך אויך אָנשליסן אָן דעם באָיקאָט. פון באָיקאָט האָבן זיי מסכים געווען צו באַפרייען נאָר די אַרבעטער, וואָס וועלן אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג: נישט מחלל שבת זיין, נישט צו טראָגן אַ שטעקן אום שבת, נישט גיין מער ווי אַ תחום־שבת; קומען אין שול שבת און יום־טוב, נישט זיין אַ מיטגליד אין אַ אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע, וואָס דער ועד פון דער מושבה וועט נישט אָנערקענען איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג; נישט צו באַזוכן אָונטן און פאַרזאַמלונגען, וואָס וועלן פאָרקומען אָן דער דערלויבניש פון ועד און נאָך ענלעכע באַדינגונגען. זעלבסט־פאַרשטענדליך, האָט דער אַרבעטער־צבור באַשלאָסן נישט אונטער־שרייבן אָט די שאַנד־שריפט. עס האָבן זיך באַלד איינגעפונען אכרים, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און פאַרגע־שלאָגן די אַרבעטער זיי געהיים צו באַשעפטיקן... פאַר אַ קלענערן אַרבעטס־לוין, אָבער אויך דאָס האָט דער ועד נישט דערלאָזן. זיי האָבן געשטעלט אַ וואַך, וואָס האָט געהיט, אַז די אכרים זאָלן נישט ברעכן דעם באָיקאָט. אויך דאָס איז נישט געווען גענוג פאַר די פאַנאַטיקער. אַנדערטהאַלבן מאָנאַט שפּעטער האָט מען אַרויס־געגנבעט די ביכער פון דער אַרבעטער־ביבליאָטעק. אַזוי אַרום, האָבן זיי געוואָלט ברעכן נישט נאָר דעם מאַטעריעלן, נאָר אויך דעם גייסטיקן מקור פון די אַרבעטער. פון יפו זענען געקומען צוויי שליחים צו פאַרמיטלען. הגם איינער פון זיי (א. ז. ראַבינאָוויץ) איז

געקומען אין נאָמען פון געשעצטן הרב קוק, און דער צווייטער איז געווען אַ חשובער סוחר פון יפו, האָבן די אכרים זיי נישט געפאָלגט. איינס האָבן זיי באַשלאָסן און ווען זייער באַשלוס נישט ענדערן: אַ טאָטאַלן בויקאָט אויפן יידישן אַרבעטער. זיבציק אַרבעטער זענען געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט. אייניקע האָבן גע־פאָדערט צו פאַרלאָזן די מושבה, אַנדערע זענען געווען קעגן. א. ד. גאָרדאָן איז געווען מיט די קעגנער. אָבער ביסלעכווייז האָבן די אַרבעטער שטילערהייט פאַרלאָזן די מושבה, געצוואונגען פון הונגער. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַנדערע מושבות ביי פאַרשידענע אַרבעטן, ווי שמירה א. א. וו.

צום גליל!

אַוועק איז דער ווינטער און פאַרביי דער זומער 1906. די שמירה אין די ווײַן־גערטנער האָט זיך געענדיקט, און די פריערדיקע אַרבעטער פון פתח־תקוה זענען ווידער געשטאַנען פאַר דער זעלבער שאלה: וואָס טוט מען, וווּהין גייט מען? און אָט איז געקומען דער ענטפער.

נאָך פריער, אין דער צייט פון דעם סכסוך אין פתח־תקוה, איז איינער פון די ערשטע עולים, אליעזר שוחט, אַוועק אין גליל, וועלנדיק איבערבייטן די מאָנאָטאָנע אַרבעט אין פרדס אויף אמתע פעלד־אַרבעט. נאָך אייניקע זענען מיט אים מיטגעגאַנגען. סוכות תרס״ז האָט א. שוחט איינטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון „הפועל הצעיר״ אין יהודה. ער האָט דערציילט, אַז אין גליל קענען מערערע אַרבעטער געפינען אַרבעט. די פריערדיקע אַרבעטער פון פתח־תקוה האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג און באַשלאָסן: מיר גייען אין גליל!

אין גליל האָבן זיי געפונען אַ ניי ארץ־ישראל, אָט ווי זיי האָבן זיך טאַקע פאָרגעשטעלט קומענדיק פון גלות. דאָ אין גליל איז די נאַטור אַנדערש, אויך די מענטשן און די אַרבעט זענען אַנדערש. אָט די בעוועגונג — קיין גליל! — האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע

יאָר, און וועגן דעם וועט אונז נאָך אויסקומען צו דערציילן אין אונזערע ווייטערע קאַפּיטלען.

דער נייער עולה און זיינע ערשטע שריט אין לאַנד

אין תרס״ז (1906—1907) איז די אַרבעטענדע עליה, אַזוי ווי די אַלגעמיינע יידישע עליה, דערגאַנגען צו איר העכסטן פּונקט, און נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אַ ירידה.

יעדן פרייטיק, דעם טאָג, ווען די שיפן פלעגן אָנקומען אין יפו׳ער פּאָרט, פלעגן אַ סך אַרבעטער אין יהודה גיין צופוס צום פּאָרט באַגעגענען זייערע קרובים, באַקאַנטע און סתם לאַנדסלייט צווישן די נייע עולים. דער גרעסטער טייל פון די עולים פלעגן זיך אויף איין נאַכט אָפּשטעלן אין איינעם פון די האָטעלן אין שטאָט. נאָך דעם, ווי דער עולה האָט איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אָדער צוויי אין דעם אָדער יענעם האָטעל, פלעגט ער אַוועקגיין צופוס מיט זיין פּעקל אויף די פּלייצעס צו די מושבות. דאָ פלעגט ער ווידער זיך וואַלגערן אויף די ברעטער פון איינעם פון די „האָטעלן״. עס האָט פּאַסירט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער פלעגט אים אַריינעמען צו זיך אין צימער, ווו ער האָט געלעבט מיט נאָך חברים. קיינמאָל האָט אַן אַרבעטער פון דער צווייטער עליה נישט געזאָגט: עס איז ביי מיר ענג, איך האָב נישט קיין אָרט פאַר אַ נייעם עולה. מ׳נעמט אַ זאַק, מען פילט אים אָן מיט שטרוי — און אָט האָסטו אַ געלעגער פאַרן נייעם עולה. איז דאָ אַן אָרט אין צימער גופא — איז גוט, אויב נישט — געפינט מען אַ פּלאַץ אין קאָרידאָר. דער עיקר איז: געפינען אַרבעט. אַן „אַלטער״ אַרבעטער רעקאָמענדירט דעם קאָלאָניסט זיין נייעם חבר, און דער קויפט זיך איין די ערשטע „אַרבעטער־כלים״: אַ שטרויענע היטל מיט ברייטע ברעגעס און אַ קאָרב אויף צו האַלטן ברויט — און אויף מאָרגן גייט ער צו דער אַרבעט אויף פּראַבע. דער ערשטער אַרבעטס־טאָג איז אַן איבערלעבעניש, וואָס לאָזט זיך נישט קיינמאָל פאַרגעסן: ערשט די שמחה פון דער אַרבעט אַליין און דאָס געפיל פון זיגרייכער דערגרייכונג, וואָס זי ברענגט מיט זיך, אָבער

אויך איז עס אַן איבערלעבעניש פון צער און גרויל איבער די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען, צווישן הונדערטער אַראַבער.

די „חברה־לייט" פירן אַרויס דעם נייעם עולה פון זיין איינזאַמקייט. אין פעלד עסט מען צוזאַמען, אַזוי געוויינט ער זיך צו צום מאָדנעם פּאַמידאָר, צום שאַרפן זית, צום מאַראַנץ אָדער וויינטרויב, וואָס זענען פאַר אים אויך ניי. און אַז דער גלאָק, וואָס שטייט אין פעלד, קלינגט צו גיין אַ היים — גייט מען צוזאַמען אַ היים און מ'דונערט מיט לידער. אין אָוונט קלייבט מען זיך צוזאַמען ביי חברים אין צימער, מ'שמועסט מכוח די פּראָזאַאישע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, מ'באַהאַנדלט געזעלשאַפטלעכע פּראָגן, און ווידער קלינגען ציוניסטישע לידער און סתם פאָלקס־לידער, און איבער אַלעמען — דער באַקאַנטער אַרבעטס־ליד: „יה חי־לילי", דער הימן פון יענע טעג. זיין הויפּט־געדאַנק איז אויסגעדריקט אין די ווערטער: „רק העבודה היא חיינו, מכל צרה תוציאנו" („נאָר די אַרבעט איז אונזער לעבן, פון יעדער צרה וועט זי אונז באַפרייען") און דאָס איז טאַקע דער תמצית פונם געדאַנק און טאַט פון דער צווייטער עליה.

אָט אַזוי, טראָט נאָך טראָט, ווערט דער נייער עולה אַן אַרבעטער אין דער מושבה און גייט אַריבער צו זיין אייגענער דירה, ד. ה. ער ווערט אַ שותף צו אַ צימער מיט נאָך חברים, און באַזאָרגט זיך מיט די נויטווענדיקע „מעבל", וואָס דער וויכטיקסטער פון זיי — און אָפּטמאָל דער איינציקער — איז דער באַנק: צוויי נאַפט־בלעכן פון איין זייט צימער און צוויי פון דער אַנדער זייט — און אויף זיי ברעטער. באַנאַכט דינט אָט דאָס מעבל־שטיק אַלס אַ בעט, בייטאָג איז דאָס אַ שטול, אין אָוונט — אַ געזעלשאַפטלעכער באַנק.

אין לויף פון דער צייט הויבט אויך ער, דער נייער עולה, צו גיין פּרייטיק צום פאָרט באַגעגענען עולים; ער ווערט אַליין אַ מכניס אורחים, און ער נעמט אויף נייע עולים און העלפט זיי זיך צופּאַסן צום לעבנס־שטייגער פון אַן יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

יוסף אהרנוביץ באַצייכנט אין איינעם פון זיינע נאָטיצן:

„ווער עס האָט נישט געזען די גרויסע שמחה, מיט וועלכער די יונגע אַרבעטער פלעגן באַגעגענען יעדע שיף, וואָס האָט געבראַכט אַ פּאָר צענדליק יונגעלייט, ווער עס האָט נישט געזען דאָס פריידיקע צוזאַמענלעבן פון די יונגעלייט ביי זייער אָנקום אין לאַנד — האָט נישט געזען קיין אמתע שמחה אין זיין לעבן״.

די תקופה פון יאוש

אָבער דערווייל איז דער שטורם אין רוסלאַנד נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע שטילער געוואָרן, און מיט אים איז פאַרביי די גרויסע בהלה פון אַנטלויפן פון רוסלאַנד. און אין א״י „איז געקומען די צייט פון שווערער אַרבעט און שווערע באַדינגונגען, אומנאָרמאַלע, אין מאַטעריעלער און גייסטיקער הינזיכט״. אויך דער באַיקאָט אויפן יידישן אַרבעטער אין פתח־תקוה האָט שווער געדריקט. און אויב פריער, ווען ס׳פלעגן אָנקומען אַלץ נייע עולים, און אַ סך פלעגן שפּעטער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט זיך דאָס נישט געלאָזט פילן, ווייל ס׳פלעגן באַלד קומען נייע אויף זייער אָרט — איז איצט, ווען די עליה האָט זיך סוף־סוף אָפּגעשטעלט און דאָס פאַרלאָזן ארץ־ישראל האָט אָנגעהאַלטן, האָט דער געפיל פון יאוש אָנגעהויבן שטאַרק צו נאָגן אין די הערצער.

די תקופה פון יאוש האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אין אַלע מושבות. „די שווערע שטימונג האָט געדריקט אַלע יידישע אַרבעטער. אמת, נישט די קליינע פאַרדינסטן און נישט די שווערע לעבנס־באַדינגונגען האָבן דערצו געבראַכט, נאָר דאָס באַוווסטזיין, אַז דער יידישער אַרבעטער איז איבעריק און זיין פאַלאָזן די מושבה וועט נישט ווירקן אויפן נאָרמאַלן גאַנג פון דער אַרבעט אין איר״. דאָס הייסט: אַ קריזיס אין דער באַוועגונג פון די יונגע אַרבעטער, וואָס איז געקומען פון דער שווערער און געדריקטער שטימונג פון יחיד, „וואָס פאַר זיינע אויגן האָט דער גרויסער צויבער פון ציוניסטישן אידעאַל פאַרלאָרן זיין גלאַנץ און ס׳איז

געבליבן נאָר די ביטערעווירקלעכקייט, מיט איר גאַנצן שמוץ און עקל". דער קריזיס איז געוואָרן טיפער. אַזוי דערציילט איינער וועגן יענע טעג:

וואַנדערנדיק פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער, ליידיק און אַרבעטסלאָז, דוכט זיך מיר, אַז איך וואַנדער אַרום אין די גאַסן פון מיין שטאָט אין גלות. איך קוק זיך נישט ארום וואָס ס'טוט זיך ארום מיר: ס'אינטערעסירן מיר נישט, נישט די לאַנדשאַפט פון ארץ־ישראל, נישט אירע בערג, טאָלן און קעמלען־קאַראַוואַנעס — דאָס אַלץ, וואָס האָט מיר אַזוי געצויבערט די ערשטע צייט און האָט אין מיר געוועקט אַזוי פיל התלהבות".

אָבער נישט בלויז אין די פריוואַטע קאָלאָניעס, ביי די אכרים, איז אַזוי געווען. אָט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין לאַנד, און דער ערשטער טאָט אירער איז טאַקע אַ ווירדיקער: פלאַנצן דעם הערצל־וואַלד. עס איז דער ערשטער אָנדענק־מאָנומענט אין א"י פאַר דעם שעפער פון דער באַוועגונג. און אָט דעם היסטאָרישן זיווג —, אויסצולייזן באָדן און עס פאַרבינדן מיטן אָנדענק פון גרויסן פירער — האָט מען פאַרשוועכט מיט פרעמדער אַרבעט. נישט יידישע הענט האָבן געפלאַנצט די ערשטע בוימעלאַך פאַרן הערצל־וואַלד אין בן־שמן. אמת, ס'האָבן זיך איינגעפונען יחידים, וואָס האָבן אַראָפּגענומען דעם שאַנד־פלעק. אומגעפער הונדערט אַרבעטער זענען זיך צוזאַמען געקומען פון די קאָלאָניעס און האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם טאָט. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצורייסן דאָס געפלאַנצטע מיט פרעמדער אַרבעט. דאָך האָבן זיי זייער באַשלוס נישט אויסגעפירט — זיי האָבן רחמנות געהאָט אויף די יונגע ביימעלאַך. דאַן האָבן זיך איינגעפונען עטלעכע מער עמפּפינדלעכע — און זיי האָבן אַרויסגעריסן „דאָס פרעמדע גראָז אין אונזער פּאָלקס־גאָרטן", כדי אויף דעם אופן אָפּצוווישן דעם פלעק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דעם אָנדענק פון איר פירער. אָבער די שאַנדע פון אַזעלכע טוערס, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר — איז פאַרבליבן,

און זיי האָבן פאַרגעזעצט צו ברענגען אויף דעם יידישן אַרבעטער אַ חרפה נאָך אַ חרפה.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן, אַז „עס איז איצט אַן אָפענער סוד פאַר יעדן: די יידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד — מער ווי זי איז יידיש, איז זי אַראַביש".

דעריבער דאַרף מען וואָרענען, אַז „די יידישע אַרבעטער־פראַגע איצט, די פראַגע פון כבוש העבודה, איז נישט קיין פראַגע פון אַ פּאַרטיי — נאָר פון גאַנצן ציוניזם, פון די אַלע, וואָס טרוימען וועגן ארץ־ישראל און גאולה פון פאָלק".

מ׳מוז דעריבער זוכן אַ לייזונג, אַן ענטפער אויף דער פראַגע, אויף וואָס פאַר אַ־נישט־איז וועג.

אָבער וואו איז דער ענטפער, דער אויסוועג?

און ווידער אויפשטייג

שוין דאַן קענסטו באַמערקן דעם וויכטיקן כלל אין אונזער באַוועגונג: דוקא אַ צייט פון קריזיס און יאוש וועקט אויף נייע שאַפונגס־כוחות, און ס׳אַנטשטייען נייע שאַפונגען. דאַן, אָנפאַנג תרס״ח (סוף 1907), האָט מען אונטערגענומען דעם ערשטן ווערק פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע: עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אַרבעטער־ישוב „עין גנים" נעבן פתח־תקוה. נישט ווייניק דיכוחים זענען אַנטשטאַנען אַרום דעם ענין. נישט נאָר די פועלי־ציון — נאָר אויך די חברים פון „הפועל־הצעיר", זענען געווען קעגן אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. די פּראָגראַם איז געווען: „דעראָבערן אַלע צווייגן פון דערווירטשאַפט פאַר יידישע אַרבעט", ס׳הייסט: שאַפן אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט, וואָס זאָל אין דער לוין־אַרבעט זען זיין עקזיסטענץ אין דער געגנוואַרט און צוקונפט. אָבערביידע פּאַרטייען האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צום געדאַנק פון זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפטן. עין־גנים, וואָס אירע גרינדער זענען געווען חברים פון „הפועל

הצעיר״, איז געווען דער ערשטער שריט אויף דעם וועג.

אין יאנואַר 1908 האָט דער „הפועל הצעיר״ פאַרעפנטלעכט אַן „אויפרוף צו אַלע ציוניסטישע יוגנטלעכע אין גלות״. דער ערשטער זאַץ איז: „פון ארץ ישראל רופן מיר אייך: קומט אַהער, ווייל ס׳איז געקומען אייער צייט צו קומען קיין ארץ־ישראל און דאָ אַרבעטן!״

אָבער דער אויסוועג פון קריזיס איז נישט געקומען פון עין־גנים, אויך נישט פון חוץ־לארץ. פון צפון איז ער געקומען, פון גליל.

מיר האָבן שוין אויבן דערציילט וועגן די, וואָס זענען אָנפאַנג תרס״ז (הערבסט 1906) געגעאַנגען קיין גליל. ביין זענען אַרויס צופוס מוצאי סוכות צום כפר תבור. דערנענטערנדיק זיך צו דער מושבה, האָבן זיי אַלץ העכער געזונגען דאָס באַקאַנטע ליד פון יענע צייט: „חושו, אחים, חושו״. פון זייער געזאַנג — אַזוי האָט געוואָלט דער צופאַל — האָט זיך דערשראָקן אַן אַראַבישער המון, וואָס איז אין יענער שעה באַפאַלן די קאָלאָניע. אָט דער צופאַל האָט סימבאָליזירט דעם כאַראַקטער פון דער עליה צום גליל: פאַר אַרבעט און שוץ צוגלייך.

דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא

איצט, אין הערבסט 1907, איז פאַרגעקומען בכלל אַ גרויסע ענדערונג אין גליל. יידישע אַרבעטער זענען אַריינגעדרונגען כמעט אין אַלע קאָלאָניעס אין גליל, אויסער ראש־פינה. דער גליל — האָט דאַן באַצייכנט — חדרה, זכרון־יעקב, שפיה, בת שלמה אין שומרון, מסחה, סעדזשערא, יבניאל מלחמיה אין אונטערשטן גליל און מתולה אין אויבערשטן גליל. אין די אַלע קאָלאָניעס זענען דאַן, נאָך דער גרויסער „מאַסן וואַנדערונג״ צום גליל, געווען בסך־הכל 82 אַרבע־טער. מער ווי אַ העלפט — 45 אין סעדזשערא. דאָ האָבן זיך קאָנצענ־טרירט אַלע אַקטיווע כוחות פון דער יונגער באַוועגונג, און די פאַרם אין סעדזשערא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער. דאָ איז

געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פֿאַר נייע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס זענען געוואָרן דער יסוד פֿון דער באַוועגונג. די צען אַרבעטער און שומרים — אַלכסנדר זייד, צבי בעקער, ישראל גלעדי, מענדל פּורטוגלי, סעדיה פּז, משה גבעוני, בן־צור און נאָך דריי — האָבן צוזאַמען געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע גרופּע, וואָס זיי האָבן איר גערופֿן „קאָלעקטיוו". זיי האָבן זיך געווענדעט צום אַגראָנאָם אַ. קראַוזע, דאַן לייטער פֿון דער פֿאַרם אין סעדזשערא, זיי איבערצוגעבן די גאַנצע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט, אויף זייער אייגענער אחריות, אַן משגיחים און אויף זייער אייגענעם חשבון. אגר. קראַוזע האָט מסכים געווען. די כוונה פֿון דעם קאָלעקטיוו איז געווען צו באַווייזן און אויך פֿאַר זיך קלאָר מאַכן, אַז די אַרבעטער זענען ביכולת בשותפֿותדיק אַרבעטן און פֿירן אַ קאָלעקטיוון לעבן, ווירטשאַפֿטלעך מצליח זיין און אַזוי אַרום שטאַרקן דעם צוטרוי אין כוח פֿון יידישן אַרבעטער.

דער קאָלעקטיוו האָט געהאַט גרויס הצלחה: ער האָט גוט אויסגעפֿירט די גאַנצע אַרבעט און צופֿרידן געשטעלט דעם לייטער. דער קאָלעקטיוו האָט אויך איבערגעוווּנדן אַלע שוועריקייטן פֿון קאָלעקטיוון לעבן און בשותפֿותדיקן חשבון — איין קאַסע און איין קיך, פֿאַר אַלעמען. פֿיל האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען פֿאַר זיין הצלחה דער ווירטשאַפֿט־לייטערין — מאַניע שוחט. אַט דער דער־פֿאָלג האָט טאַקע געפֿירט צום געדאַנק פֿון גרינדן אַ קאָלעקטיוון ישוב.

„החורש" און די גרינדונג פֿון כנרת

תרס"ח (1907—1908) איז געווען אַ שאַפֿונגס־רייכער יאָר. נאָך פֿריער, ווען ס'זענען געווען ווייניקע אַרבעטער אין מסחה און סעדזשערא, איז געגרינדעט געוואָרן דער „החורש", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו רופֿן די אַרבעטער אין יהודה, זיי זאָלן מוותר זיין אויף זייערע באַקוועמלעכקייטן אין יהודה און קומען אין גליל. דער לאָזונג איז געווען דער אַלטער לאָזונג פֿון

„כבוש עבודה״, נאָר מיט אַ קלייניער הוספה: דעראָבערן די פשוטע אַרבעט. אמת, די מערהייט פון 13—14 אַרבעטער אין מסחה זענען געווען חברים פון „פועלי־ציון״, וואָס האָבן נישט געהאַלטן „כבוש עבודה״ פאַר זייער פּאָליטישע פּראָגראַם, אָבער די איניציאַטאָרן פון „החורש״ זענען געווען חברים פון „הפועל הצעיר״ — אליעזר שוחט און ש. צמח. די גרופּע — „החורש״ — מוז מען דאָ צוגעבן — האָט זיך נישט אַנטוויקלט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. איצט, אין 1908, האָט זי באַנייט איר טעטיקייט און מיט אַ ברייטערע פּראָגראַם. אָט די „אגודה פון די אַרבעטער אין גליל — החורש״ („אגודת פועלי הגליל החורש״) האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער פאָדערונג פון „דעראָבערן די פשוטע אַרבעט״ אַליין, נאָר האָט אויפגעקלערט, אַז די תבואה־ווירטשאַפט (פלחה) איז וויכטיקער ווי פּרדסים; מ׳מוז שאַפן אַ פּויערים־קלאַס; אַנטוויקלען אַ געזונטן לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער־עלעמענט, וואָס זאָל זיין פיזיש און גייסטיק שטאַרק; מ׳מוז גרינדן אַנשטאַלטן פאַר קעגנזייטיקער הילף און קורסן פאַר העברעאיש, אַראַביש און לאַנדווירשאַפטלעכע וויסן; לערנען די חברים ספּאָרט און באַנוצן געווער. לויטן פּראָגראַם האָט דאָס געדאַרפט זיין אַ לאַנדעס־פאַרבאַנד מיט סניפים אין די פאַרשיי־דענע פּונקטן. מיטגלידער קענען זיין אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון אַלע צווייגן. איר געפינט דאָ אַן אָנזאָג פון אַן אומ־פּאַרטייאישער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

אין דעם זעלבן יאָר 1908, איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אַרבעטער־ישוב „עין גנים״, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערציילט פריער. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפאַנגען איר קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט מיטן פלאַנצן דעם הרצל־וואַלד, און נאָנט דערצו — איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם — כנרת.

ערב שבועות 1908 האָבן אַכט אַרבעטער פון יהודה — צבי יהודה, י. בלוך, תנחום א. א. אָנגעהויבן צו בויען די נייע פאַרם, נישט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפט פון די החורש־חברים, צוליב זייער

אומצוטרוי צום דעם דאַמאַלסטיקן לייטער פון דער פאַרם. זייער האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז דאָ איז פאַרבאַהאַלטן אַ קערנדל, וואָס קען ברענגען אַ הערלעכן פרוכט.

„השומר"

אָבער די הויפט־שאַפונג פון די אַרבעטער אין גליל איז דאָס יאָר געווען דאָס אָרגאַניזירן די יידישע שמירה. די אַרבעטער, וואָס זענען געקומען אין גליל, האָבן פון אָנהויב אָן געהאַט די כוונה צו דערפילן אַ דאָפלטע אויפגאַבע — אַרבעטן און היטן. אין סוכות תרס״ח האָבן זיי געגרינדעט אַ אגודה אונטערן נאָמען „בר־גיורא", אַ פאַרבאַנד צו היטן אין די מושבות און באשיצן דעם יידישן כבוד. אָבער נישט גיך און נישט לייכט האָבן די אַרבעטער זוכה געווען, אפילו נישט אין סעדזשערא, אַז דער לייטער פון דער פאַרם זאָל זיי אָנטרויען דאָס געווער. נאָך אַ שווערע דערפאַרונג האָט ער איינגעשטימט צו פאַרבייטן זיין פרעמדן שומר אויפן אַרבעטער צבי בעקער ז״ל, וואָס איז געווען דער ערשטער שומר אין סעדזשערא און גליל. נאָך דעם, ווי ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן די שמירה אין סעדזשערא און שפעטער אין מסחה, איז געגרינדעט געוואָרן דורך די חברים פון „בר־גיורא" דער „השומר".

אין גאָר אַ קורצער צייט האָט דער „השומר" באַוויזן צו דעראָבערן פאַר דעם יידישן שומר די שמירה אין גליל, און פאַר־שפרייט זיין נעץ, דעם נעץ פון יידישער שמירה, אויך אויף די קאָ־לאָניעס פון שומרון און יהודה. זיינע גרינדער זענען געווען (אָפיציעל איז ער געגרינדעט געוואָרן פסח תרס״ט אין יפו): ישראל שוחט, ישראל גלעדי, אלכסנדר זייד, מנדל פורטוגלי, מאיר חזנאוויץ, יחזקאל ניסאנאוו, צבי בעקער, און אויך יצחק בן־צבי. (אַלע גרינדער פון „השומר" און די מערהייט פון זיינע חברים זענען געווען חברים פון פועלי ציון און די פאַרטיי האָט זיי געשטיצט). אויסער דעם ערשטן און דעם לעצטן אין דער רשימה זענען שוין אַלע נישטאָ מיט אונז. אַרים אָט די ערשטע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין

לויף פון דער צייט עטלעכע צענדליק געוואָגטע יונגעלייט, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו געפינען די ריכטיקע באַציונג צו די אַראַבער מיט זייערע באַזונדערע קאַמפּס־מנהגים און טאַקטיק. זיי האָבן געבילדעט אַ גרויסן פאַרבאַנד, וואָס איז געווען געבויט אויף געהיימע יסודות. נאָנט צו זיי איז געשטאַנען דער אַלטער יחיאל־מיכל היילפּרין, וואָס האָט נאָך אין אָנפאַנג פון דער צווייטער עליה געטרוימט וועגן אַ יידישן שוץ־לעגיאָן.

דער „השומר״ האָט איינגעשריבן אַ גלענצענדן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער צווייטער עליה. אין לויף פון דער צייט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין לעגענדע. אויף זיין טעטיקייט האָט זיך דערצויגן און דערציט זיך דער יונגער דור. זיין טעטיקייטס־קרייז און השפעה איז פיל ברייטער ווי די תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ: אין יענער תקופה איז ער געווען אַ שותף און אַקטיווער איניציאַטאָר פון אַלע שפּעטערישע אונטערנעמונגען אין גליל, צ. א., די דעראָבערונג פון מרחביה, גרינדונג פון תל־עדשים און די אַנטשטייאונג פון דער גרופּע יידישע פּאַסטוכער. באַזונדערס דאַרף באַצייכנט ווערן זיין ווערק „עבודה״. פון זיינע ערשטע טעג אָן האָט דער „השומר״ זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו בילדן אַן „אַר־בעטס־לעגיאָן״. אין די יאָרן 1909—1910 האָט דער „השומר״ געשאַפן דעם פאַרבאַנד „עבודה״, וואָס זיין ציל איז געווען אַריינפירן דעם נייעם עולה אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפטלעכקייט, אים איינגע־וווינען צו די פאַרשידענע אַרבעטן און אים געבן מאַטעריעלע און גייסטיקע הילף. „עבודה״ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַלס אַ לאַנדעס־פאַרבאַנד, אָבער פאַקטיש האָט ער געהאַט נאָר צוויי סניפים אין גליל: אין סעדזשרע און מגדל, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון די „השומר״־פירער, און נאָך אַ סניף אין חדרה. דאָ איז געווען זייער אַקטיוו ב. כצנלסון און דער סניף האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער מושבה. אַט דער פאַרבאַנד האָט דערוועקט גרויס אינטערעס און אויף דער זעכסטער קאָנפע־רענץ פון די „פּועלי־ציון״ זענען זיינע פראַגן ברייט באַהאַנדלט

געוואָרן. אָבער נאָך אַ יאָר פון עקזיסטענץ איז ער אויפגעלייזט געוואָרן.

דער כוח פון סעדזשערא

מיט וואָס האָט עס סעדזשערא זוכה געווען צו זיין אַ צוציונגס־פונקט פאַר די אַרבעטער פון יהודה, אַז אין איר זאָלן אַנטשטיין די ערשטע און וויכטיקסטע שאַפונגען אין יענער תקופה? געוויס דאַרף פיל צוגעשריבן ווערן אויפן חשבון פון אַגראָנאָם א. קראַוזע (איצט דער לייטער פון מקוה ישראל), דער ערשטער פון די אַדמיניסטראַטאָרן פון יק״א, וואָס האָט צוגענומען דעם יידישן אַרבעטער צו אַרבעט און שמירה. עס מוז באַטאָנט ווערן, אַז ער האָט זיי אויך געהאָלפן און געלערנט. די אַרבעטער, וואָס זענען געגעאַנגען אין גליל מיט דער איין־איינציקער כוונה — צו לערנען די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט — קענען אַקערן, אָדער זיין אַ בעל־עגלה, וואָס ווייס די חכמה פון אַרומצוגיין מיט פערד — זיי האָבן פיל ממשות־דיקע הילף געקראָגן פון דעם לייטער וואָס האָט זיי געלערנט און געגעבן אויפקלערונגען אין די פאַרשידענע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט. מען דאַרף צוגעבן, אַז אין דעם גאַנצן ענין פון סעדזשערא האָט אַ גרויסן טייל ה׳ חיים מרגלית־קלוריסקי, דאַן פון די העכסטע באַאַמטע פון יק״א, פון באַראָן ראָטשילד. ער האָט געשטרעבט צו אַנטוויקלען אין די מושבות אַ נייעם עלעמענט ערד־אַרבעטער, אמתע יידישע ערד־אַרבעטער.

אָבער נישט נאָר דערמיט קען דערקלערט ווערן דער כוח פון סעדזשערא. עס איז כדאי דאָ צו ברענגען ד. בן־גוריונס באַשרייבונג וועגן סעדזשערא (אין 1908 איז ער געווען אַן ארבעטער אין דער פאַרם).

— „נאָך יהודה איז סעדזשערא געווען פאַר מיר כמעט דאָס וואָס פתח־תקוה איז געווען פאַר מיר, קומענדיק פון גלות. דאָ האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ארץ־ישראל. די נאַטור, די מענטשן, די אַרבעט — זענען דאָ געווען אַנדערש. די בערג רינגלען אַרום און פאַרשליסן

די קאָלאָניע פון אַלע זייטן. פון מזרח זייט, פון די שטחים פון עבר הירדן, קוקן אַרויס די בערג פון גלעד און בשן, איינגעהילט אין בלויען; פון מערב זייט, אויף דער גרענעץ פון דער מושבה, ליגן די גרינלעכע בערג פון נצרת; פון צפון־מזרח הויבט זיך אויף דער חרמון מיט זיין שניי־ווייסן שפּיץ, אין דרום שטייט איינזאַם דער תבור. די הייזער פון דער מושבה זענען געבויט אין טאָל, אין צוויי שורות, איינע העכער פון דער צווייטער און טונקען זיך אין וועלדל פון אייקאַליפּטוס־בוימער. אויפן שפּיץ בערגל, צווישן פעלזן, איז די פאַרם.

„סעדזשרא איז געטיילט אין צווייען. די איינוואוינער פון דער פאַרם — די באַאַמטע און די אַרבעטער — האָבן געוווינט אויבן, אויפן שפּיץ בערגל, און די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע, די אכּרים, אין טאָל. אָבער פרידן און ברידערשאַפט האָט געהערשט צווישן זיי, די אויבערשטע און די אונטערשטע. שבת און יום־טוב פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען און זיך פריילעך מאַכן, אין דער וואָך פלעגן מיר זיך טרעפן אין פעלד ביי דער אַרבעט, אַקערן איינער נעבן צווייטן און זיך קעגנזייטיק העלפן.

„אַלע אַרבעטן דאָ און לעבן פון זייער אַרבעט. די מענער אַקערן און זייען; די פרויען אַרבעטן אין גאָרטן און מעלקן די קי; די קינדער פיטערן די סטאַדע גענז, רייטן אויף פערד און זענען פאַרברענט פון דער זון, ווי אמתע דאָרפס־קינדער".

די חברה אין סעדזשרא

צווישן אַלע אַנדערע דערגרייכונגען אין סעדזשרא איז בולט די דערגרייכונג פון דער פרוי. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט איר כּוח און פעאיקייטן, דאָ איז זי צום ערשט אויסגעלייזט געוואָרן אין דעם אַרבעטער־לאַגער.

פון אָנהויב פון דער צווייטער עליה זענען געקומען אין לאַנד אויך חברות. זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן ביי „כבוש עבודה", ווי ביים אַנטוויקלען די קעגנזייטיקע הילף. די חברה האָט געפּרווט דאַן אויך

צו זוכן אַרבעט אין פּרדס און אַרבעטן צוזאַמען מיטן חבר. אָבער אין די דאַמאָלסדיקע באַדינגונגען איז עס געווען כמעט אוממעגלעך. און ווען איין גרויסער עקשנטע איז געלונגען צו באַקומען אַרבעט ביים רייסן ווילד גראָז אין פּרדס, צווישן צענדליקער אַראַבישע פּרויען, האָט מען זי געפּירט בגניבה, אין זייטיקע וועגן, אָבער —

„נאָר דריי טעג האָט געדויערט מיין גליק; עס האָט דאַן פּאַסירט אַן אומגליק אין דער מושבה: ביי איין איכר איז געשטאָרבן אַ קינד. האָט אויפגעציטערט די גאַנצע מושבה: פאַרוואָס שטאַרבן קינדער? געוויס: צוליב די זינד פון דערוואַקסענע... און געוויס צוליב דעם גרויסן זינד, וואָס אַ „רוסישע ציוניסטקע" איז געגאַנגען אַרבעטן מיט מענער אין פעלד, אויסער דער מושבה...."

און פּאַר שרה מלכין, וואָס דערציילט אונז אָט דעם עפּיזאָד, האָט זיך ווידער געשטעלט די ביטערע פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן? איר וועג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך פרויען פון דער צווייטער עליה. אמת, אין לויף פון דער צייט זענען עטלעכע חברות אויפגענומען געוואָרן ביי אַרבעט אין די פּרדסים און וויין־גערטנער. אָבער אויך דאָ איז זי באַשעפטיקט געוואָרן ביי באַזונדערע אַרבעטן; אין אַלגעמיין זענען זיי געבליבן באַגרעניצט אין תחום פון דער אַרבעט, „וואָס נאָר פאַר זיי איז די פרוי באַשאַפן": קאָכן, וואַשן און נייען, ס'הייסט באַדינען דעם אַרבעטער. אָט די באַציונג פון אומגלייכהייט און אומצוטרוי מצד דעם חבר צו דער חברה אויפן געביט פון אַרבעט האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט.

אין די קרייזן פון „השומר", וואָס האָט אַנטוויקלט צווישן זיינע חברים די טראַדיציע פון גבורה, מוט און געוואַגטקייט, האָט אויך די חברה געקאָנט אַנטוויקלען אָט די מידות און אייגנשאַפטן. אין 1908 זענען געקומען אין סעדזשערא פינף חברות. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „קאָלעקטיוו" און זענען געוואָרן פולשטענדיקע שותפים ביים אויספירן אַלע אַרבעטן אין די פאַרשידענע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע צווייגן. זיי האָבן געאַרבעט ביי יעדע אַרבעט אין פעלד, צוזאַמען מיט זייערע חברים, פלעגן אפילו אַקערן מיט אָקסן — און די אַרבעט האָבן זיי גוט אויסגעפירט.

אַט דער פאַקט האָט געהאַט אַ באַדייטנדע השפעה אויף דער צוקונפט פון דער אַרבעטאָרין אין לאַנד און אויף דער אַנטוויקלונג פון איר באַוועגונג. חנה מייזל, וואָס האָט דעם יאָר (1908) געאַרבעט אין סעדזשערא, האָט דערוועקט דעם געדאַנק צו גרינדן אַ ספּעציעלע פערמע פאַר אַרבעטאָרינס. נאָך אַ סך צוגרייטונגס־אַרבעט האָט זי טאַקע דעם געדאַנק פאַרווירקלעכט אין זומער 1911 אין כנרת.

דער וועג צו ארבעטער־קאָלאָניזאַציע

מיר האָבן פריער דערציילט, אַז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער אין גליל און זייער פאַרבאַנד „החורש" האָבן באַשלאָסן צו באַיקאָטירן די פאַרם אין כנרת, צוליב דעם אומצוטרוי צום איר לייטער, בערמאַן. דאָך זענען צבי יהודה און זיינע חברים געגאַנגען אַרבעטן, אַ דאַנק זייער געוואַגטן גלויבן. נאָך אַ סך מאַטערניש און ראַנגלענישן איז אַנטשטאַנען די חשובסטע אַרבעטער־שאַפונג אין לאַנד. ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט — וועגן דעם דערציילט אויף אַ לאַקאָנישן אופן דער דאַמאָלסדיקער קאָרעספּאָנדענט אין גליל:

„צוערשט האָט בערמאַן געטאָן אַלץ כדי דערנידעריקן דעם ווערט פון דער אַרבעט פון די יידישע אַרבעטער, און האָט אויך באַוויזן זיין נייגונג צו באַשעפטיקן אַראַבער. די באַציונגען צווישן אים און די אַרבעטער זענען וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשאַרפט געוואָרן, ביז די חברים פון דער ערשטער גרינדער־גרופּע זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די פאַרם. ווידער זענען זיך צוזאַמען געקומען די חברים פון „החורש" און האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן מיט אַ לעצטער וואָרנונג צו ד"ר רופּין און אים אויפפאָדערן צו באַפרייען בער־מאַנען פון זיין אַמט. — — דער סוף איז געווען, אַז ד"ר רופּין האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּשרה: אָפּטיילן פון כנרת דעם שטח פון אום־ג'וני, וואָס איז אויך געשטאַנען אונטער בערמאַנס אויפזיכט, און עס איבערגעבן די אַרבעטער צו באַארבעטן אויף זייער אייגענער אחריות, אָן שום משגיחים. וואָס איז שייך כנרת, מוז בערמאַן

פארלויפיק פאַרבלייבן, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַנדער באַאַמטער אויף זיין פּלאַץ.

אום־ג'וני איז געווען אַ טייל פון דער פאַרם אין כנרת, נאָר זי איז געלעגן ווייט און דער ירדן האָט זי אָפּגעטיילט פון כנרת. אַ טייל פון די אַרבעטער אין כנרת האָבן אויך פריער געאַרבעט אין אום־ג'וני און פלעגן קומען אַהיים, קיין כנרת, נאָר אויף שבת. אַזוי־ארום זענען זיי געווען באַפרייט פון די קריגערייען מיטן לייטער. איצט איז אום־ג'וני אדמיניסטראטיוו אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער פאַרם און איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די אַרבעטער צו באַאַרבעטן אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אונטער זייער לייטונג.

דער אָפּמאַך וועגן דער אַרבעט אין אום־ג'וני איז אונטער־געשריבן געוואָרן אין כנרת י״ח כסלו תר״ע (דעצעמבער 1909) דורך ישראל בלוך, ישראל בצר, נתן בערגמאַן, ח. צימערמאַן, משה קריגסר, אליעזר שוחט און שפרה שטורמאן — די ערשטע צוויי און די לעצטע דריי זענען שפּעטער געווען צווישן די גרינדער פון נהלל און זענען חברים פון נהלל ביז היינט; נתן בערגמאַן (געענדערט זיין נאָמען אַלס צבי נדב) איז געווען פון די בעסטע חברים פון „השומר", ח. צימערמאַן איז אַ פּראַגרעסיווער אכר און עסקן אין יבניאל. כמעט אַלע זענען זיי געווען „עלטערע" אַרבעטער אין גליל, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די שול פון סעדזשעראַ — זיי האָבן זוכה געווען צו לייגן דעם גרונדשטיין פאַר דעם זעלבסטשטענדיקן קאָלאָניזאַציע־ווערק פון יידישן ארבעטער אין ארץ־ישראל.

מיר זאָגן „גרונטשטיין־לייגער" און נישט גרינדער, ווייל די גרופּע, וואָס אין איר נאָמען איז געווען טעטיק אליעזר שוחט, איינער פון די טרעגער פון געדאַנק פון „כבוש עבודה", האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ צייטווייליקע גרופּע, וואָס קומט נאָר אויפהאַלטן דעם פונקט, כדי דעראָבערן די אַרבעט דורכן דעראָבערן דעם באָדן.

פֿון אום־ג׳וני צו דגניה און מרחביה

וואָס די דאָזיקע גרופּע חברים האָבן געטראַכט, האָבן זיי אויך דורכגעפֿירט. פֿון אום־ג׳וני זענען זיי אַריבער צו אַנאַנדער ישוב, מרחביה, כּדי דאָרט צו דעראָבערן דעם באָדן פֿאַר יידישער אַרבעט. אָבער ד״ר א. ר ו פּ י ן, דער לייטער פֿון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אַרבעט, האָט אַנדערש פֿאַרשטאַנען די זאַך. לויט זיין מיינונג, דאַרף מען דעם עקספּערימענט אויך ווייטער פֿאָרזעצן. אויב א. שוחט און זיינע חברים פֿאַרלאָזן דעם אָרט — מוז מען געפֿינען אַנדערע, וואָס וועלן אויף זיך נעמען די אַרבעט. איינער פֿון די זיבן, י. בלוך, האָט טאַקע געפֿונען די פּאַסנדע קאַנדידאַטן — זיינע חברים, וואָס צוזאַמען מיט זיי איז ער געקומען בויען די פֿאַרם פֿון כּנרת און צוליב די סכסוכים מיטן לייטער, האָבן זיי מיט אַ יאָר פֿריער פֿאַרלאָזן כּנרת און אַריבער קיין חדרה. צבי יהודה און שרה מלכּין, יוסף בוסל ז״ל, תּנחום, יוסף און מרים באַראַץ, יוסף אלקין און חיים צאַדיקאָוו — זענען אַלזאָ געווען אין חדרה און זיך גערופֿן די „חדרה־קאָמונע״. כ״ה תּשרי תּרע״א זענען זיי געקומען מיט ישׂראל בלוך קיין אום־ג׳וני און האָבן איבערגענומען פֿון א. שוחט „אַלץ״. זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ פֿאַרפּליכטונג צו אַרבעטן פֿון היינט ביז ענדע שבט פֿון יאָר תּרע״א, אַלס אַרבעטער פֿון דער „חברת הכשרת הישוב״ אין איר פֿאַרם אום־ג׳וני און אויספֿילן די אָנווייזונגען פֿון די באַאַמטע פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער עיקר־טייל פֿון דער „חדרה־קאָמונע״ איז פֿאַרבליבן אין אום־ג׳וני אויך דעם קומענדיקן יאָר, אייניקע פֿון זיי זענען ביז היינט אין דגניה, זיי זענען די גרינדער פֿון דער ערשטער קבוצה אין א״י.

צען מאָנאַט נאָך זייער קומען אין אום־ג׳וני האָבן זיי מיט־געטיילט ד״ר רופּינען, אַז זיי האָבן באַשטימט צו רופֿן זייער אָרט — דגניה. ער האָט פֿאַרצייכנט די ענדונג — יה: ענליך ווי אין נאָמען „מרחביה״.

מרחביה איז געווען דער צווייטער אַרבעטער־ישוב, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן באַלד נאָך דגניה, טבת תּרע״א, יאַנואַר 1911.

כדי צו דעראָבערן דעם באָדן פון מרחביה פאַר דער יידישער אַרבעט, דעם ערשטן שטח באָדן וואָס יידן האָבן דערוואָרבן אין עמק יזרעאל, האָבן ווידער וואָלאַנטירט די עטלעכע, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דגניה: אליעזר שוחט און זיינע חברים. די מערהייט פון זיי זענען געווען חברים פון „השומר”. האָט מען טאַקע זיי פאַרפליכטעט צו דעראָבערן דעם נייען פונקט.

אָבער די גרינדונג פון מרחביה איז געקומען פון אַן אַנדער מקור: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָ געוואָלט מאַכן אַן עקספּערימענט אויפן קאָלאָניזאַטאָרישן געביט לויט די געדאַנקען פון פּרופ. אָפּענהיימער. מרחביה איז געבויט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות (און האָט זיך דעריבער גערופן „קאָאָפּעראַציע”). אין די ערשטע יאָרן איז די „קאָאָפּעראַציע” אָנגעפירט געוואָרן דורך אַן אַדמיניסטראַטאָר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דגניה, דאַקעגן, האָט זיך געפירט דורך אירע חברים. ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אָנגעהאַלטן די ויכוחים וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד — קאָמונע אָדער קאָאָפּעראַציע, ד. ה. דער וועג פון דגניה אָדער מרחביה — וועלכער איז בעסער?

אין גרונט גענומען קומען ביידע — דגניה, וואָס האָט געפלאַסטערט אַ וועג פאַר אַנדערע, און מרחביה, וואָס איז געבליבן איינזאַם אָן נאָכפאָלגער, פון איין מקור. דאָס איז דער מקור, וואָס האָט געפירט צו דער ערשטער קאָמונע אין ירושלים, צום קאָלעקטיוו אין סעדזשערא — דער ערשטער ביישפּיל פאַר דער קבוצה, און אויך צו עין־גנים. דאָס איז דער קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמט דאָס שטרעבן צו אַ גערעכטן לעבן, וואָס איז באַזירט אויף אַרבעט, און צו אַרבעט וואָס איז באַזירט אויף אַ גערעכטן לעבן; דאָס איז דער קוואַל פון סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס די צווייטע עליה האָט שוין פון אַנהויב־אָן אים פאַרמאָגט בשפע.

די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער־ארגאניזאציע אין גליל

נישט נאָר זייער איינציייטיקע גרינדונג, אויך נישט די אידענטישקייט פון די גרינדער, האָט ביידע פונקטן — דגניה און מרחביה — פאַרייניקט אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. אַ גורלדיקע געשעעניש אין דער באַוועגונג האָט זיי דאַן צונויפגעבונדן.

ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, זענען אין גליל אַנט־שטאַנען עטלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען, וואָס האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אָן אַ וועלכן נישט איז פּאַרטייאישן שטעמפּל. „החורש", „עבודה", „השומר" זענען געווען צווישן־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. אויך די גרופּע, וואָס האָט דעראָבערט כנרת איז געווען אומפּאַרטייאיש: אין איר זענען געווען חברים פון „הפועל הצעיר" און „פועלי־ציון". אַזוי זענען אויך געווען די גרונטשטיין־לייגער פון דגניה. אין שטאָט האָבן שוין דאַן עקזיס־טירט אַרבעטער־קלובן, אויך אומפּאַרטייאישע. אָבער די אַרבעטער אין גליל, די גרינדער פון „החורש" — פון אָט דעם ערשטן פּרווו צו דערגיין צו אַ פּראָפעסיאָנעלער אומפּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע— האָבן איינגעזען,אַז זייערע אַלע אָרגאַניזאַטאָרישע פּרוּוון זענען פאַרשוואונדן כמעט שפּורלאָז. די פועלי־ציוניסטישע צייטונג „האח־דות" איז דאַן אַרויס מיטן רוף צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון גליל. אין דער זעלבער וואָך איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מרחביה, דאַטירט ד׳ ניסן תרע״א, אַ צירקולאַר־בריוו מיטן פאָלגענדן אינהאַלט:

„שוין לאַנג פילט זיך ביי אונז, אַרבעטער אין גליל, דאָס פעלן פון אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַטאָרישער־ראַם. באַזונדערס נויטיקן מיר זיך אין איר איצט. אונזער אַרבעט הויבט אָן צו אַנטוויקלען נייע פאָרמען און ווערט מער קאָמפּליצירט. עס ווערן געשאַפן נייע באַדינגונגען. מיר מוזן אונזער איינטייל אין דער שאַפונגס־אַרבעט פאַרגרעסערן; דאָס פאָדערט פון אונז מער אָנשטרענגונגען, קאָנ־צענטראַציע פון אונזערע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות.

„דעריבער שלאָגן מיר פאָר צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער אין גליל צו באַהאַנדלען די זאַך און געפינען די פּאַסנדע פאָרם דעם געדאַנק צו פאַרווירקלעכן.

„מיר שלאָגן פאָר דעם ערשטן טאָג פסח פאַרן טאָג פון אונזער קאָנפערענץ און דעם אָרט: אום־ג׳וני אָדער כנרת. די הויפּט־פראַגן וואָס מיר דאַרפן באַהאַנדלען, זענען: א) וועגן אַן אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער אין גליל; ב) די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע און אונזער באַציונג צו איר" — — —

אויפן צירקולאַר זענען געחתמט: אליעזר שוחט (דער שרייבער פון צירקולאַר), ישראל בצר און סעדיה פּז — דריי, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער דעראָבערונג פון מרחביה, געאַרבעט אין דער פאַרם אין סעדזשעראַ, כנרת און אום־ג׳וני, צוויי פון זיי זענען חברים פון „הפּועל הצעיר", איינער פון „פּועלי־ציון".

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען לויט דער פאָרגעשלאָגענער פּראָגראַם. עס האָבן זיך באַטייליקט 17 דעלעגאַטן — איין דעלעגאַט אויף אַכט אַרבעטער — פון אַלע פּונקטן אין גליל, אויסער זיי אַ סך געסט, אַרום און אַרום — מער ווי הונדערט חברים. דאָס איז אַן צווייפל אַ קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג. די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט אַ „ועד פון די אַרבעטער אין גליל" פון 7 חברים: אליעזר שוחט, חנה מייזל, ישראל און מניה שוחט, ישראל בצר, צבי יהודה און בערל כצנלסון. אַלזאָ: אַן אומפּאַרטייאישער קאָמיטעט. אָבער נאָך אַ וויכטיקע זאַך: מיטן אַריינטרעטן פון ב. כצנלסון אין קאָמיטעט איז אים צוגעקומען פון געזעלשאַפטלעכער היגזיכט אַ נייער ניואַנס, אַ נייער עלעמענט — די אומפּאַרטייאישע, וואָס וועלן נאָך שפּילן אַ גרויסע און חשובע ראָל אין דער צוקונפט, ביים פאָרמירן די געשטאַלט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין א"י.

ביי די אַרבעטאַרינס

דער חודש ניסן איז געווען אַ מזלדיקער. נאָך עטלעכע נייע ווערק זענען אַנטשטאַנען אין דעם חודש אין גליל. ביי דער געלעגנ־

הייט פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־קאָנפערענץ אין גליל זענען זיך צוזאַמען געקומען 17 אַרבעטאָרינס פון גליל צו זייער ערשטער פאַרזאַמלונג, כדי צו באַהאַנדלען „ביי פאַרמאַכטן טירן" — חברים האָט מען נישט געלאָזן אַריינגיין — די פּראָבלעמען פון זייער לעבן, זייערע שוועריקייטן און ליידן, אויך אין די אַרבעטס־פּלעצער, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון אַרבעטער. די מסקנה איז געווען: מ'מוז זאָרגן פאַר דער הכשרה פון דער חברה צו די פאַרשידענע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

נאָך אין זעלבן חודש איז מען צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן די זאַך: אַ גרופּע פון 5 אַרבעטאָרינס האָט אונטער דער לייטונג פון חנה מייזל געלייגט דעם יסוד פאַר אַן אַרבעטאָרינס־פערמע אין כנרת. דאָס איז דער לער־אַנשטאַלט פאַר אַרבעטאָרינס, וואָס האָט באַוויזן אין משך פון זיין קורצער עקזיסטענץ, ביז דעם ערשטן וועלט־קריג, צו דערציען צענדליקער אַרבעטאָרינס אין די פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן. זיי זענען שפּעטער געווען די גרינדערינס פון אַרבעטאָרינס־ווירטשאַפטן אין לאַנד, וואָס זייער אַנטוויקלונג ציט זיך ביז היינט. צווישן די ערשטע זענען געווען די דיכטערין ר ח ל און רחל כצנלסון.

אַלס אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון די ביידע געשעענישן איז געווען די אַרבעטאָרינס־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דריי יאָר שפּעטער, שבועות 1914 אין מרחביה, ווו עס האָבן געאַרבעט אַ גרופּע אַרבעטאָרינס פון דער פאַרם אין כנרת. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 30 דעלעגאַטינס, געוויילט פון 209 אָרגאַניזירטע אַרבעטאָרינס פון יהודה און גליל. די חברים האָבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן אָט דעם „סעפּעראַטיזם", (ווייל אויך די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען ביי „פאַרמאַכטע טירן"). אויף דער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער פאַרצווייגטער און חשובער טעטיקייט פון דער אַרבעטאָרינס־אָרגאַניזאַציע.

די פאַרמען

אין דער ערשטער קאָנפערענץ אין גליל האָבן זיך באַטייליקט נישט נאָר אַרבעטער פון די קאָלאָניעס און כנרת, דגניה און מרחביה, נאָר אויך פון מגדל און פוריה. סעדזשרא איז געווען, ווי באַקאַנט, אַ פאָרם פון דער יק"א, כנרת — פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, די אַלע אַנדערע זענען געווען פריוואַטע פאַרמען. בכלל האָט זיך פאַרשפרייט אין לאַנד אָט די פאָרם פון קאָלאָניזאַציע. נאָך סעדזשרא און כנרת זענען אַנטשטאַנען די פאַרמען אין בן־שמן און חולדה, ווו עס איז דאַן געפלאַנצט געוואָרן דער הערצל־וואַלד. צוגלייך מיט די ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זענען געווען טעטיק אין א"י פּריוואַטע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אויסלאַנד מיטן ציל צו קויפן באָדן אין לאַנד און גרינדן פאַרמען. אָט די פאַרמען פלעגן אָנפאַרטרויט ווערן באַשטימ־טע פאַרוואַלטערס, וואָס האָבן געזאָלט זיי צוגרייטן פאַר דער קאָלאָ־ניזאַציע פון די קויפערס, ווען זיי וועלן קומען אין לאַנד, אָדער באַאַרבעטן זיי פאַר פּראָפיט־צוועקן. אָט די פאַרמען זענען געגרינ־דעט געוואָרן דורך פאַרמעגלעכע ציוניסטן, אין אַ סך פאַלן האָבן זיך אין זיי באַטייליקט ציוניסטישע טוערס, וואָס האָבן זיי באַזירט אויף יידישער אַרבעט. אין די פאַרמען האָבן זיך פאָרמירט אַרבעטער־גרופּעס; דאָס לעבן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף קאָלעקטיווע יסודות, מ'האָט צוזאַמען געאַרבעט און צוזאַמען געלעבט; יידישע אַרבעטער האָבן דאָ געאַרבעט אין אַלע צווייגן פון דערווירטשאַפט; דאָ האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו לעבן שטענדיק אויף דעם אַרבעטס־פּלאַץ, אין דער ווירטשאַפט. אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָבן צוגע־גרייט די אַרבעטער פון די פאַרמען צו אייגענער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט.

אָבער אין די פּריוואַטע פאַרמען, וואָס זענען, אמת, געשאַפן געוואָרן אונטערן צייכן פון גרויסן פּאַטאָס און גרויסע האָפנונגען, האָט זיך מיט דער צייט די באַציונג צו די יידישע אַרבעטער פאַרערגערט, צוליב דער שטעלונג פון די פאַרוואַלטערס. זענען טאַקע

דעריבער גאַנצע גרופּעס אַרבעטער געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די פּריוואַטע פֿאַרמען.

וועגן דעם שרייבט א. ד. גאָרדאָן פֿאָלגנדעס:

„ווער ס׳קומט פֿאַרוואַלטן אַ פֿאַרם, דאַרף וויסן דעם פּשוטן אמת: די פֿאַרם איז נישט נאָר אַ מאַטעריעלע ווירטשאַפֿט, נאָר אויך אַ גייסטיקע; זי איז נישט נאָר אַ לער־פֿאַרם, נאָר אויך אַ דערציִונגס־פּונקט״.

זענען געגאַנגען אין די פֿאַרמען די בעסטע אַרבעטער, און די מערהייט פֿון זיי זענען געוואָרן די בויער פֿון אונזער קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד.

די ארגאניזאציע פון די ארבעטער אין יהודה

די אָרגאַניזירונג פֿון די אַרבעטער אין גליל אויף דער קאָנפֿערענץ אין אום־ג׳וני האָט געפֿונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דעם אַרבעטער־צבור אין יהודה. נאָך דער קאָנפֿערענץ אין אום־ג׳וני זענען פֿאָרגעקומען קאָנפֿערענצן פֿון די פּאַרטייען, און זייערע דעלעגאַטן האָבן געבראַכט קיין יהודה די בשורה פֿון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין גליל. זרובבל, א חבר פֿון צ. ק. פֿון די „פּועלי־ציון״, האָט באַזוכט די קאָלאָניעס אין יהודה, און גערופֿן די אַרבעטער פֿאָלגן דעם ביישפּיל פֿון זייערע חברים אין גליל און רופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון די אַרבעטער אין יהודה. דער באָדן איז געווען גרייט. שבֿועות תרע״א איז צושטאַנד געקומען אין עין־גנים די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער אין יהודה.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרנומען מיט די זעלבע צוויי פֿראַגן, וואָס האָבן באַשעפֿטיקט די אַרבעטער אין גליל אין זייער קאָנפֿערענץ. זי האָט באַשלאָסן גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע (און נישט נאָר אַן ארבעטער־קאָמיטעט, ווי אין גליל) און אויסגעדריקט איר סימפּאַטיע פֿאַר דעם פּראָיעקט פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. אָבער בעיקר האָט זיך די קאָנפֿערענץ אָפּגעגעבן אַן ענין, וואָס אין גליל איז ער נאָך נישט געווען אַקטועל, ווייל דאָרט

אין דער פּאַרטייען־קאַמף נישט געווען שאַרף — דעם ענין פון קפּא״י. דאָ, אין יהודה, האָט מען די פראַגע באַהאַנדלט שוין עטלעכע מאָ־נאַטן און זי האָט אויפגערודערט די פּאַרטייאישע קרייזן.

ק פּ א ״ י

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1909, האָט באַשלאָסן צו שאַפן דעם „פּאַלעס־טינע־אַרבעטער־פאָנד״ („קופת פועלים ארצישראלית״), וואָס זאָל אַנטוויקלען קאָנסטרוקטיווע אונטערנעמונגען לטובת דער אַרבעטער־שאַפט. נאָך דעם, ווי זיי איז געלונגען צו זאַמלען אין חוץ־לארץ אַ געוויסע סומע געלט, האָבן די חברים פון פּועלי־ציון אין א״י אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען די אויפגאַבן און טעטיקייטס־וועגן פון זייער פאָנד. זיי האָבן פון ערשטן טאָג אָן געוואָלט אים פאַרוואַנדלען אין אַן אַלגעמיינעם אַנשטאַלט פון דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען; אין דער לייטונג פון קפּא״י זאָל זיך, דעריבער, באַטייליקן אויך אַ פאָרשטייער פון אַרבעטער כלל. אָבער די חברים פון „הפועל הצעיר״ האָבן זיך אַנטקעגן־געשטעלט דעם גאַנצן פאָרשלאָג. זייער הויפּט־ארגומענט איז געווען: דאָס געלט קומט פון אויסלאַנד.

בכלל, איז שטיצע פון אויסלאַנד געווען דאַן זייער אַ האַרבער ענין. אַ סך פון א. ד. גאָרדאָנ׳ס אַנהענגער האָבן געפאָדערט זיך אָפּצוהיטן פון אַזאַ שטיצע, כדי די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל זיך נישט אויסגליטשן צו די זעלבע וועגן פון דער אַלטער „הסתדרות הפועלים״ און פון די אכרים, וואָס האָבן נאָר אויסגעקוקט אויף שטיצע פון אויסלאַנד.

ד״ר רופּין האָט דאַן געבויט די „אַרבעטער־היים״ (בית הפועלים) אין פּתח־תקוה, אויף די מיטלען פון קרן־קיימת. אַ טייל אַרבעטער האָבן געקוקט קרום אויף די גאַנצע זאַך, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַן „אַרבעטער־היים״ דאַרף געבויט ווערן אויף די מיטלען פון די א״י־דיקע אַרבעטער אַליין. אויך נאָך דעם, ווי דאָס

הויז איז אויפגעבויט געוואָרן, האָבן אַ סך נישט געוואָלט איבער־טרעטן זיין שוועל, און אַלץ צוליב דער שטיצע. מ׳האָט ממש באָיקאָ־טירט דאָס הויז, דעם „הקדש״, ווי זיי האָבן אים גערופן. אָבער די מערהייט פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן דעם ענין אויפגענומען לייכטער, און זיי האָבן אין דעם געזען אַ מיטל צו פאַרלייכטערן די לאַגע פונם אַרבעטער־צבור.

אַט דער וויכוח האָט אָנגעהאַלטן ווייטער און זיין שאָטן איז געפאַלן שווער אויף דער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות הפועלים החקלאים, וואָס איז דערעפנט געוואָרן אין אַ געדריקטער שטימונג, פול מיט פאַרביטערונג. דער וויכוח האָט געטראָגן אַ פרינציפיעלן כאַראַקטער: צי מעג דער יידישער אַרבעטער אין א״י געניסן פון דער שטיצע פון זיינע חברים אין אויסלאַנד לטובת די אַרבעטער־אונטערנעמונגען אין לאַנד? די אָנהענגער פון קפא״י האָבן אין די געלדער געזען אַן אויסדרוק פון קעגנזייטיקער הילף צווישן אַרבעטער, ד. ה. אַ נאַטירלעכע רעכט פון חוץ־לארץ׳דיקן אַרבע־טער זיך צו באַטייליקן אין ארץ־ישראלדיקן ווערק, וואָס וועט מאָרגן זיין אויך זיין ווערק. דער אַרבעטער אין א״י איז, דעריבער, מחויב אויפצוהאַלטן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט זיין חבר אין חוץ־לארץ, וואָס איז אַ צוקונפטיקער א״י־דיקער אַרבעטער. צום סוף איז אויסגעפונען געוואָרן אַ פשרה. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַן אַל־געמיין־פרינציפיעלער באַשלוס, אַז ס׳איז נויטיק אַן אומפּאַרטייאישער פאָנד, וואָס זאָל פאַרוואַלטעט ווערן דורך דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און די געלטער זאָלן געזאַמלט ווערן בלויז ביי איר. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין דעם קפא״י פון די פועלי־ציון, „כדי צו משפיע זיין אויף אים און אים צופאַסן צו די אויבנדערמאָנטע פרינציפּן״.

אָבער דער ענין האָט זיך דערמיט נאָך נישט פאַרענדיקט, און איז ווידעראַמאָל אַרויפגעשווומען אויף דער צווייטער און דריטער קאָנפערענץ. דערוויל איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער צענטראַל־קאָמיטעט, אין באַשטאַנד פון 7 חברים.

די צווייטע קאָנפערענץ אין יהודה

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיינע ראַם — די הסתדרות הפועלים החקלאים אין יהודה, וואָס דאַרף דינען אַלס שטיץ־פּונקט פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן טאַט פון יידישן אַרבעטער. ווען דער דערוויילטער צ. ק. איז געקומען צו פאַרווירקלעכן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס, האָט ער זיך גלייך אָנגעשטויסן אָן די חילוקי־דעות. געלט, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן אין אויסלאַנד, האָבן די קעגנער געטענה׳ט איז פסול. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער הסתדרות חקלאית, איז „אינפאָרמאַציע״, ווי ס׳האָט עס דאַן געהייסן, — ד. ה. אַן אַרבעטס־ביוראָ צו זוכן און פאַרטיילן אַרבעט, דאָס וואָס איז היינט די „לשכת עבודה״. אויך אַרום דעם ענין האָט זיך גלייך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ קאַמף: וואָס זענען די אויפגאַבן פון דעם לשכה? בלויז אין לאַנד צי אויך אין אויסלאַנד? באַזונדער אָדער צוזאַמען מיטן קפא״י אָדער מיט די ציוניסטישע אַנשטאַלטן? אויך דאָס עצם אָרגאַניזירן פון די אַרבעטער דורך דעם צ.ק. איז געגאַנגען שווער. די אָרגאַניזאַציע טאַקע איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. דער אַרבעטער־ציבור האָט גע־פאָדערט איר באַנייאונג, — און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז דעריבער פאָרגעקומען די צווייטע קאָנפערענץ (דעצעמבער, 1911), וואָס האָט געווידמעט פיל צייט נישט בלויז דעם קפא״י־ענין, נאָר אויך צו באַהאַנדלען די שאַפונג פון נייע ווערק.

דער וויכוח איז אַרויף אויף אַ נייעם וועג, נישט אַזוי צווישן דיביידע פאַרטייען, נאָר צווישן די פאַרטיי־חברים און די אומפאַר־טייאישע, ריכטיקער געזאָגט: די „הסתדרותניקעס״ (אָנהייגער פון דער הסתדרות הפועלים החקלאים). ווייל אין דעם גרויסן ויכוח, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועגן די קאָמפּעטענצן פון דער נייער אָרגאַני־זאַציע, האָבן זיך אין די פאַרטייען גופא אייגעפונען חברים, וואָס האָבן אין זייער אייגענער פאַרטיי באַקעמפט די אויפפאַסונג, אַז די אויפגאַבע און עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער הסתדרות (אַזוי האָט געהייסן קורץ די הסתדרות הפועלים החקלאים) איז אין פאַרפאָלגן עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע צוועקן, און זי דאַרף זיך נישט פאַרנעמען

מיט אַ „ברייטער פּראָגראַם״. דאָ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אַ גרויסער פּאָלעמיסט, וואָס האָט אויפגעקלערט, אַז די אַרבעטער דאַרפן בילדן אַן אַקטיוון כוח, וואָס זאָל באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון דער גאַנצער אַרבעט אין לאַנד, און אַז מ׳טאָר נישט פאַרוואַנדלען די הסתדרות אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. „אינפאָרמאַציע״ איז נויטיק, און דוקא אין אַ ברייטן פאַרנעם; קעגנזייטיקע הילף איז נויטיק, מ׳דאַרף דעריבער זיך אָפּגעבן צו שאַפן אַ קראַנקן־קאַסע. די פּראָגראַם דאַרף אויך איינשליסן דערציאונגס־אַרבעט און קולטורעלע טעטיקייט. און די הסתדרות דאַרף זיך באַמיען צו באַאיינפלוסן אַלע געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, וואָס אַרבעטן אין לאַנד. — אַזוי האָט דאַן ב. קאַצענעלסאָן באַצייכנט די אויפגאַבע און פונקציעס פון דער הסתדרות חקלאית. און ווייל ער האָט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט די מערהייט דעלעגאַטן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די הסתדרות זאָרגט אויך פאַר קולטורעלער אַרבעט: דאָס מאָל האָט זיך די קאָנ־פערענץ באַגגרוסט מיט אַ רעזאָלוציע וועגן אַ וואַנדערנדע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ביבליאָטעק; אויך צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אַנשטאַלטן פאַר אינפאָרמאַציע אין א״י און אין אויסלאַנד און באַזאָרגן די פּרעסע מיט ידיעות.

אין דער קאָנפערענץ האָט אָנטיילגענומען אַ ליבער און חשובער גאַסט: דער אַלטער אַרבעטער־פריינט יהושע ברזילי (אייזנשטאַט), וואָס איז געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון דעם ערשטן אַרבעטער־פאַריין אין 1887 (תרמ״ז), און האָט תמיד באַגלייט מיט וואַרעמער הילף די אַרבעטער־פאַריינען, און האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו די עולים פון דער צווייטער עליה. ער האָט גערופן צו איינהייט פון ציל: דעראָבערונג פון דער אַרבעט און דעראָבערונג פון באָדן. דעריבער דאַרף מען גרינדן אין יהודה אונטערנעמער־גרופן (קבוצות קבלניות) אין די מושבות און פאָדערן פון קרן־קיימת אינטענסיווע טעטיקייט צו דעראָבערן דעם באָדן מיט יידישער אַרבעט. דאָס הייסט: אָרגאַניזירן שטענדיקע קבוצות פאַר קאָלאָניזאַציע, ווי דגניה און מרחביה. אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן צו בילדן אונטערנעמער־

גרופן פאַר פּלאַנצונגס־אַרבעטן.

און ווידער איז באַנייט געוואָרן די אַלטע און שווערע מחלוקת — קפא״י. איין פּאַרטיי קעגן דער צווייטער און אין מיטן — די אומפּאַרטייאישע. אַ מערהייט פון 13 באַשליסט קעגן אַ מינדערהייט פון 12 אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון די פּועלי־ציון. איז פאַרשטענדליך, אַז די קאָנפערענץ האָט געהאַט שווערע שעהן. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס: די מינדערהייט האָט זיך אַנטזאָגט איינטייל־צונעמען אין וועד. די סיטואַציע האָבן געראַטעוועט די אומפּאַרטייאישע: ס׳איז אָנגענומען געוואָרן ב. קאַצענעלסאָנ׳ס פאָרשלאַג: נישט צו ווילן קיין וועד, נאָר קאָמיסיעס פאַר געוויסע ענינים (קראַנקן־קאַסע, קולטור, אינפאָרמאַציע) און אַ ביוראָ. אָבער אין דער גרויסער פאַרלעגנהייט־שעה פון דער קאָנפערענץ איז איר געלונגען אָנצונעמען אַ באַשלוס פון אַ גרויסער וויכטיקייט: צו שאַפן אַ קראַנקן־קאַסע, געבויט אויף חברים־באַשטייערונג.

גייסטיקע זאָרג און קולטור-אַרבעט

אין דער רעזאָלוציע וועגן קולטור־אַרבעט, דערוויל נאָר אויפן געביט פון פאַך־בילדונג, איז געקומען צום אויסדרוק די זאָרג פון אַרבעטער פאַר גייסטיקע ווערטן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין צוגעפּאַסט צו אַרבעט און האָט זיך באַהעפט מיט דער ערד־אַרבעט.

זומער 1907 האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען אין דרוק די צייטונג „הפועל הצעיר״, וואָס איר ערשטער רעדאַקטאָר, יוסף אהראַנאָוויץ ז״ל, האָט זי דערהויבן צום הויך פון אַ צענטראַלן אָרגאַן פון אַרבעטנדן און פּראָגרעסיוון ישוב אין לאַנד. דעם זעלבן זומער האָבן די פּועלי־ציון אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייער צייטונג „דער אָנפאַנג״ אין יידיש און שפּעטער „האחדות״ (אין העברעאיש), אונטער דער רעדאַקציע פון ד. בן־גוריון, י. בן־צבי און רחל ינאית, און שפּעטער זרובבל און אלכסנדר חאשין — און י. ח. ברנר, וואָס האָט זיך באַטייליקט פון צייט צו צייט איןביידע צייטונגען מיט קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען. ביידע צייטונגען האָבן געשפּילט

אַ ווילכטיקע קולטורעל־דערציערישע ראָלע.

עס איז געווען אַ סך צו טאָן אויפֿן געביט פֿון פֿאַרשפּרייטן העברעאיש אין אַרבעטער־ציבור; אין משך פֿון דער צייט וועט מען נאָך באַגרייפֿן, אַז ס'איז נויטיק צו האָבן ספּעציעלע לערער. און אין דעם לעצטן יאָר פֿון דער תקופה (1914), ווען מיר נאָך זען אַן אבסאָלווענט פֿון דער גימנאַזיע „הרצליה" אַלס העברעאישן לערער אין דגניה. דאָס דערוווערבן העברעאיש דורך דערוואַקסענע איז פֿאַרבונדן מיט אַ סך גייסטיקע אָנשטרענגונגען. אויף איינע פֿון די קאָנפֿערענצן פֿון „הפועל הצעיר" איז באַשלאָסן געוואָרן צו ריידן מער העברעאיש און אויפֿהערן מיט פֿאַרשטעלונגען אין יידיש. אָט דער ענין פֿון דערוווערבן די נאַציאָנאַלע שפּראַך האָט געפֿאָדערט אַ גרויסע מאָס פֿון מסירות, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף פֿאַרשידענע אופֿנים: אזוי, צום ביישפּיל, האָט מען זיך באַנוצט אין משך פֿון דער גאַנצער צייט פֿון דער צווייטער עליה (און אויך אין די מלחמה־יאָרן) נאָר מיטן יידישן דאַטום. אַפֿילו די פּועלי־ציון, די אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָבן אין זייער צייטונג נישט געגעבן דעם אייראָפּעאישן דאַטום. אָט די איבערגעגעבנקייט האָט אָוועקגעשטעלט דעם גאַנצן יידישן אַרבעטער־ציבור אויף די ערשטע פּאָזיציעס אין דעם „שפּראַכן־קאַמף" אין תרע"ד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין צוזאַמענהאַנג מיטן איינפֿירן די אונטערריכטס־שפּראַך אין חיפה'ער טעכניקום און האָט אויפֿגעברויזט דעם ישוב און די גאַנצע ציוניסטישע וועלט.

אין משך פֿון דער צייט האָט זיך די קולטור־אַרבעט אַנטוויקלט, הן אין פֿאָרם פֿון עפּנטלעכע פֿאָרטראַגן — אויך ליטעראַרישע (בעיקר דורך י. ח. ברנר און יעקב ראַבינאָוויץ), — און הן אין פֿאָרם פֿון פֿאַרשידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. אויסער די דערמאָנטע צייטונגען פֿלעגן דורכן אַרבעטער־צבור ארויסגעגעבן ווערן פֿון צייט־צו־צייט פֿאַרשידענע זאַמל־העפֿטן. די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט קאָנצענטרירט אַרום דער אַרבעטער־באַוועגונג צענדליקער שריפֿטשטעלער, וואָס זענען דאַן געווען אין לאַנד. בעיקר זענען געווען טעטיק י. ח. ברענער און א. ז. ראַבינאָוויץ. זיי האָבן אַרויסגעגעבן דעם

זאַמל־בוך „יזכור" צום אָנדענק פון די געפאַלענע שומרים. אַ דאַנק דעם בוך האָט זיך אַ גאַנצער דור דערצויגן אין העראָאישן גייסט פון די שומרים, וואָס מיט זייער לעבן האָבן זיי פאַרקערפּערט די מסירות־נפש פאַר דער באַוועגונג. ס׳זענען דערשינען ליטעראַרישע זאַמל־ביכער „יפת", וואָס האָבן געעפנט אַ פענסטער צו דער אייראָ־פּעאישער ליטעראַטור און געבראַכט פון דאָס בעסטע פון איר צום נייעם יידן אין לאַנד. לערער און שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום „הפועל הצעיר", האָבן פאַרשפּרייט וויסן אין פּאָפּולערע בראָשורן „לעם", און די „פועלי־ציון" האָבן פאַרשפּרייט סאָציאַליסטישע וויסן, ערשט אין פאָלקס־בראָשורן פון רחל ינאית און שפּעטער אין ביכער און בראָשורן פון ד. בן־גוריון, י. בן־צבי א.א.

נאָך אין די ערשטע יאָרן זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע בעלעטריסטישע שאַפונגען פון דער באַוועגונג: די דערציילונגען פון מאיר ווילקאַנסקי, די אידיליעס פון שמעונוביץ א.א.וו. גרויסעס האָט געלייסטעט י. ח. ברענער, וואָס האָט די גאַנצע תקופה, מיט אירע ראַנגלענישן, צווייפל און גבורה, באַלויכטן אין זיינע דערציי־לונגען „בין מים למים", „מכאן ומכאן" א.א. עס האָט זיך אויך אַנט־וויקלט אַ ליטעראַטור אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער וויסנ־שאַפט, דערצו האָט פיל בייגעטראָגן יצחק ווילקאַנסקי. דאָס אַלץ האָט גייסטיק געשפּייזט און געשטיצט דעם אַרבעטער, וואָס זיין מאַטעריעלע שפּייז האָט אים נישט געקלעקט פאַר עקזיסטענץ.

די צווייטע קאָנפערענץ אין גליל

און אין גליל איז שאַ־שטיל. די יחידים, וואָס האָבן איניציאירט די ערשטע קאָנפערענץ, זיצן אין דער טערקישער תפיסה. מ׳האָט זיי אַרעסטירט נאָכן דעראָבערן מרחביה („אסירי הגנה"). אין גליל זענען געבליבן בסך־הכל צוויי מיטגלידער פון ועד, און זיין טעטיקייט איז פולשטענדיק פאַראַליזירט געוואָרן. אָבער דערווייל „דרייען זיך אַרום אין גליל די נייע אַרבעטער אַרבעטסלאָזן", דאַן, ווען אַרבעט איז

דאָ פֿאַראַן אין אַ געננוגנדער מאָס. די צווײ פֿרײַע חברים פֿונם װעד האָבן זיך דעריבער אַנטשלאָסן צו באַנײַען די אָרגאַניזיר־טעטיקײט, און אין יאַנואַר 1912 איז צונױפֿגעקומען די צװײטע קאָנפֿערענץ פֿון די אַרבעטער אין גליל, דעלעגאַטן פֿון 240 מאַן. אױף דער טריבונע זעען מיר אַ נײַעם מענטשן: אליעזר יפה, װעלכער איז געװײלט געװאָרן אַלס יושב ראש.

װאָס פֿאַר אַ אונטערשײד איז צװישן אָט דער קאָנפֿערענץ און די קאָנפֿערענץ אין יהודה! דאָ הערן מיר באַריכטן װעגן דער אַרבעטס־לאַגע אין פֿאַרשידענע ערטער. דאָ װערן באַהאַנדלט די פֿאַרשידענע שװעריקײטן אױפֿן װעג פֿון דער יידישער אַרבעט, און כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן די יידישע אַרבעט איז געבראַכט געװאָרן צו דער קאָנפֿערענץ אַ פֿאָרשלאָג צו גרינדן אַ „פֿאַרײניקונג פֿון די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער". ביז גאָר אַנדערע ענינים! נאָר דער פּונקט װעגן „אינפֿאָרמאַציע" איז דער זעלבער.

צװישן די טאָן־געבער אױף דער קאָנפֿערענץ איז יוסף בוסעל פֿון דגניה. און אָט װאָס ער זאָגט דער קאָנפֿערענץ:

„מיר מוזן אונזער ענערגיע אָפּװענדן פֿון די קאָלאָניעס און זי נישט פֿאַרשװענדן אומזיסט. די הסתדרות דאַרף דערציען און צוגרײטן אַרבעטער, װאָס זאָלן זײַן פֿעאיק צו דעראָבערן דורך אַרבעט נײַע שטחים באָדן". דאָס זענען געװאָגטע װערטער און געדאַנקען, און אײניקע חברים־דעלעגאַטן רעאַגירן אױף זײ זײער שאַרף: „אױב אַזױ — איז די קאָנפֿערענץ אַן איבעריקע זאַך, עס האָבן זיך דאָך פֿאַרזאַמלט אַרבעטער". אַ צװײטער חבר פֿון „דגניה" קלערט אױף: „דער געדאַנק פֿון „כיבוש עבודה" איז אַנטשטאַנען אין יהודה. די ערשטע זענען געקומען מיט אײן ציל: צו זײַן אַרבעטער. אָבער דאָ אין גליל קלערן מיר שױן נישט װעגן דעראָבערן די אַרבעט: די פֿראַגע פֿון דעראָבערן דאָס לאַנד איז דאָ דער עיקר בײַ אונז".

נישט װי יהודה איז דער גליל. דאָ װערט גרינטלעך באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם, אַן דעם פּאַרטײאישן ברען. אױב מ׳דאַרף באַנײַען אָדער שטאַרקן די אָרגאַניזאַציע, קאָן מען זיך נישט באַגנוגנען מיטן גלילער

ועד, וואָס איז געווײלט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ. אַן אָרגאַניזאַציע איז נויטיק. און אײנער פון די אַקטיווע טוער, א חבר פון פועלי־ציון און פון „שומרים" פּאַרײן, שלאָגט פאָר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָגראַם פאַר דער „הסתדרות". די קאָנפערענץ אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאַג. צום צענטראַל־קאָמיטעט ווערן דער־ווײלט די חברים: ישראל גלעדי, יוסף בוסעל און אליעזר יפה. אויף דעם לעצטן, דעם נײעם אָרגאַניזאַציאָנעלן כוח, לײגן די חברים גרויס האָפנונג.

אין צײכן פון אקטיוויטעט

די ערשטע שריט פון נײעם ועד אין גליל גיבן גרויסע האָפ־נונגען אויף ווײטער. דער ענין פון „אינפאָרמאַציע" ווערט גרינטלעך געלײזט: אַ ספּעציעלע אינפאָרמאַציע־ביוראָ ווערט געגרינדעט און זי אַרבעט גוט. דער ועד אָרגאַניזירט סניפים און עס ווערט ביסלעכ־ווײז אויפגעשטעלט אַן אמתע אָרגאַניזאַציע. אָבער צרות פעלן אויך נישט דאָ, דוקא די ברײטע, אומפאַנגרײכע פּראָגראַם, וואָס פאָדערט פון יעדן אײנעם פולשטענדיקע דיסציפּלין — ביזן פאַרבאָט צו פאַר־לאָזן דעם אָרט אָן דער הסכמה פון צענטראַל־קאָמיטעט — באַשווערט זײער די חברים און רופט אַרויס גרויס פאַרביטערונג. אַ סך אַרבעטער האָבן זיך דעריבער נישט אָנגעשלאָסן אָן דער הסתדרות. זײ זענען געווען קעגן דער אײזערנער דיסציפּלין. אײנע פון די כאַראַקטער־ריסטישע שטריכן פון דער צווײטער עליה — איז דאָס שטענדיקע וואַנדערן פון אײן אָרט צום צווײטן. דער ציל איז געווען — זוכן אַרבעט. האָסטו נישט געפונען אין אײן קאָלאָניע, האָסטו געפונען אין דער צווײטער. אָבער עס איז געווען נאָך אַ סיבה: דאָס זוכן אַ געזעלשאַפטלעכע סביבה. הונדערטער אײנזאַמע מענטשן, שטאַרק באַוועגלעכע, וואָס נויטיקן זיך אין נײע געזעלשאַפטלעכע איבער־לעבונגען, — פאַר זײ איז דאָס וואַנדערן געוואָרן אַ געוווינהײט. די אַרבעטער פון גליל, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער ציל פון אַרבעטער דאַרף זײן לערנען די ערד־אַרבעט, כדי ער זאָל קענען דערפילן זײן

פליכט דעראָבערן דעם באָדן מיט אייגענע אַרבעט, ד. ה. זיך קאָלאָ־ניזירן, זיי האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק פטור צו ווערן פון דער וואַנדערונגס־קראַנקייט. אָבער „דער יידישער אַרבעטער נויטיקט זיך נישט אין קיין דיסציפּלין, ער שטייט פיל העכער פון איר" — דאָס איז געווען דאָס באַוווסטזיין פון דעם מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואָס איז געווען ווידערשפעניק און פריי אין זיין גאַנצן וועזן.

כדי פעסטצושטעלן די גרענעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין, איז דער צ. ק. געצוווּנגען געווען צו רופן אַ קאָנפערענץ. די דריטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות פועלי הגליל קומט זיך צוזאַמען פיר מאָנאַטן נאָך דער צווייטער. א. ד. גאָרדאָן, וואָס איז אַליין שוין עטלעכע מאָל אַריבער פון איין אָרט צום צווייטן, זאָגט פשוט און קלאָר: מ׳קען דעם מענטשן נישט צובינדן צו איין אָרט. דער מענטש דאַרף בלייבן פריי.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו אַנטוויקלען די נייגונג צו אַ קאָלעקטיוון לעבן און צוגרייטן אַ פאַסנדן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר אַרבעטער־קבוצות. די קאָנפערענץ האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק פעסטצושטעלן די באַציאונגען צווישן די חברים פון די קבוצות, און די וואָס אַרבעטן אין זיי אַלס לוין־אַרבעטער, אין געוויסע סעזאָנען.

אין יעדן פונקט פילסטו די אייגנאַרטיקע אַטמאָספער פון גליל און דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער אַרבעט. און אָט הערסטו אַ ספּעציפישן באַשלוס: צו שטעלן מצבות פאַר די אַרבעטער, וואָס זענען געפאַלן און געשטאָרבן אין גליל. דאָס רעאַליזירן דעם באַשלוס האָט געוואָרט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דרייסיק יאָר, ביז עס איז אַנטשטאַנען „ציון", דער אַנשטאַלט צו פאַרצייכנען דעם אָנ־דיינק פון פאַרשטאָרבענע חברים.

די תימנער יידן אין דעם ארבעטער-ציבור

אויף דער קאָנפערענץ איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון די תימנער יידן. איין מיינונג איז געווען, אַז זיי נויטיקן זיך אין הילף און מ׳מוז זיך מיט זיי באַזונדערס אָפּגעבן. אַנדערע

ווידער האָבן געמיינט, אַז דאָס אָפּגעבן זיך באַזונדער מיט זיי, „ווי מיט קליינע קינדער וואָס נויטיקן זיך אין הילף — וועט קיין גוטס נישט ברענגען". עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו אינטערעסירן מיט זייער גורל, זיי דערנענטערן צו אונזער אַרבעט און שטרעבונגען, און זיך באַמיען זיי קאָנצענטרירן אין די קאָלאָניעס. דאָס איז געווען אין ערשטן יאָר פון דער באַנייטער עליה פון תימן, די וואָס איז געקומען אַ דאַנק דער היסטאָרישער שליחות פון ש. יבנאלי, וואָס האָט געבראַכט אין תימן די בשורה פון גאולה דורך אַרבעט און שאַפן אין ארץ ישראל. וועגן אָט דער מאַסן־עליה, לויט די דאַמאָלסדיקע באַגריפן, און איר אויפנאַמע אין לאַנד, האָט געשריבן י. שפּרינצאַק:

„די באַנייטע עליה פון די יידן פון תימן איז זיכער איינע פון די כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען אין אונזער לעבן דאָס יאָר. במשך פון 6—7 מאָנאַטן זענען אַריין אין לאַנד גרופּן תימנער יידן, וואָס ציילן 1200 נפשות. אין גרעסטן טייל האָבן זיי גלייך געפונען אַרבעט. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס אין יהודה און גליל. אָט דער פאַקט, וואָס אונזער לאַנד איז פעאיק אפילו אין איר איצטיקן צושטאַנד צו באַזאָרגן מיט ברויט, און נישט נאָר מיט פרייהייט, אַ טייל פון אונזער פאָלק — דערהויבט די געשעעניש פון דער עליה פון תימן צו אַ וויכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ישוב און פונם ציוניסטישן געדאַנק. דער געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס איז פאַרפליכטעט צו שטיין אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די תימנער — איז דער יידישער אַרבעטער".

האָט טאַקע דער יידישער אַרבעטער דערפילט זיין אויפגאַבע. אויסער דעם, וואָס מיט דער פראַגע האָבן זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן ש. יבנאלי און י. שפּרינצאַק, איז דאָס געווען אַ פּערמאַנענטע זאָרג פון אָרגאַניזירטן ציבור. אויך די דריטע קאָנפערענץ אין יהודה האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון די תימנער. היות ווי די קאָנפערענץ האָט זיך דאַן באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון אַרבעטער־ווירטשאַפטן און קבוצות, האָט זי באַשלאָסן, אַז „בנוגע די נייע ישובים אין לאַנד

און דאָס אָרגאַניזירן קבוצות, טאָר נישט געמאַכט ווערן קיין אונטערשיד צווישן די תימנער און אשכנזים". מ'האָט באַזונדערס געזאָרגט פאַרן פיזישן געזונט פון די תימנער. ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן די קופת־חולים, האָט מען פאַרפליכטעט אירע חברים און סניפים „זיך צו באַטייליקן מיט איבערגעבנקייט און פלייס אין יעדן טאָט, וואָס וועט אונטערגענומען ווערן כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע". אַזוי איז אויך מיט אַ גרויסער מאָס פון זאָרג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון דער דערציונג פון זייערע קינדער. די באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט האָט נישט אויפגעהערט אויך שפעטער, און אויך די פערטע קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט די פראַגע און באַשלאָסן אַריינצופירן די תימנער אין אַלע אַרבעטן און אויסגלייכן זייער לוין מיטן לוין פון די אשכנזים. אָבער נישט נאָר אין רעזאָ־לוציעס נאָר אויך אין לעבן האָבן זיך די תימנער דערנענטערט צום ארבעטער־צבור און האָבן אָנגעהויבן איינטיילצונעמען אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון דער באַוועגונג.

פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ

אויך אין יהודה מערקט זיך אַ געוויסע אַקטיוויטעט נאָך דער צווייטער קאָנפערענץ. בעיקר זענען דאָרט טעטיק א. בן־משה פון עין־גנים און מאיר רוטבערג. צו דער טעטיקייט איז אויך צוגעצויגן געוואָרן ב. קאַצענעלסאָן, אַלס חבר אין דער קאָמיסיע פאַר קולטור־אַרבעט און אינפאָרמאַציע, און איז במשך פון דער צייט געוואָרן אַ דריטער חבר פון סעקרעטאַריאַט. ס'מערקט זיך דאָן אַ גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט צו גרינדן די קופת־חולים.

דער ויכוח ארום דעם קפא״י־ענין פאַרברייטערט זיך, נישט אַזוי צווישן די פאַרטייען, ווי צווישן די אומפאַרטייאישע און די פאַרטיי־חברים. אַלע באַנוצן די זעלבע טערמינאָלאָגיע, אָבער מיט פאַרשידענע פירושים. אַלע, שיינט עס, קעמפן פאַר דער אומ־פאַרטייאישקייט פון דער הסתדרות פועלי יהודה. איין פאַרטיי פאָדערט, אַז די הסתדרות זאָל זיין אומפאַרטייאיש — און זאָל זיך

נישט פאַרנעמען מיט די ענינים. וואָס די פּאַרטיי פאַרנעמט זיך מיט זיי; די צווייטע פּאַרטיי טענה'ט אויך אַז די הסתדרות דאַרף זיין אומפּאַרטייאיש — און זאָל זי זיך נישט אָנטזאָגן צו געניסן פון די פּרוכטן פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט. די הסתדרות זעלבסט פּאָדערט, אַז די פּאַרטייען זאָלן זיך רעכענען מיט איר אומפּאַרטייאישן כאַ־ראַקטער און זיך נישט מישן און שטערן איר זעלבסטשטענדיקער אַנטוויקלונג און זאָלן זיי נישט באַגרעניצן איר טעטיקייטס־פעלד צוליב זייער ווילן צו הערשן; איין וואָרט איז אין יעדן מויל: אומפּאַרטייאישקייט — און קיין תכלית איז נישטאָ.

א נייער אנשטאלט

אין אָט דער געשפּאַנטער לאַגע האָט דאָס הייפל טוער באמת געדאַרפט פאַרמאָגן אַ גרויסן אינטואיציע שאַפונגס־כוח, כדי צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן נייעם אַנשטאַלט „קופת חולים" (קראַנקן־קאַסע), ווי אויך אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון דער הסתדרות פועלי יהודה, און קודם־כל די מאָטאָר־אַרבעטער אין די פּרדסים, וואָס זענען צוזאַמענגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון ועד, כדי צו פאַרמירן אַ באַזונדערן פּראָפ. פאַריין אין דער הסתדרות חקלאית און פאָדערן פון די אַרבעטס־געבער פאַרזיכערונג פון די אַרבעטער. אין אָט דער לאַגע איז זיכער ריכטיק געווען די אָפּשאַצונג, אַז „דער גאַנצער אַנשטאַלט (ד. ה. די הסתדרות) מאַכט דורך איצט א קריזיס". די סיבה פון קריזיס איז נישט נאָר די פּאָלעמיק וועגן דעם אונז שוין באַקאַנטן קפא"י־ענין און וועגן דער אַרבעטס־ביורא. ס'איז אַ האַרבער ענין, אָבער סוף־סוף איז דאָס אַ פּראַקטישער ענין. די מחלוקת האָט איצט אַ געווויסן אַנהאַלט. אָט האָט איצט אָנגעהויבן די אַרבעטס־ביוראָ פון קפא"י איר טעטיקייט אונטער דער לייטונג פון ד. בלוך, וואָס האָט דאַן זיך גערופן אפרים בלומענפעלד. ער איז צוליב דעם צוועק געקומען אַלס פאַרשטייער פון וועלט־פאַרבאַנד „פּועלי־ציון". זיין טעטיקייט איז באַלד געוואָרן מערקבאַר, ווייל ער האָט באַשטימט אין אַלע קאָלאָניעס פאַרשטייער,

וואָס האָבן געדאַרפט זיך אָפּגעבן דעם ענין. ער האָט סיסטעמאַטיש באַזאָרגט מיט אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען אַרבעטער און אַרבעטס־געבער צוגלייך. בקיצור: מיר זעען דאָ אַן אָנהויב פון אַן אַרבעטס־ביוראָ אין לאַנדמאַסשטאַב, וואָס ברענגט מערקבאַרע נוצן. און טראָץ דעם, וואָס אַ טייל חברים אין די סניפים פון דער הסתדרות חקלאית זענען געווען קעגן דער טעטיקייט, האָט דאָך די מערהייט פון די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס אָנערקענט די נוצן פון דער אַרבעטס־ביוראָ. די רעזאָלוציעס פון די קאָלאָניע־אַרבעטער, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אויף זייער פאַרזאמלונגען, לטובת דער אַרבעטס־ביוראָ, האָבן געמוטיקט די קפא״י־אָנהענגער אין זייער קאַמף אין דער הסתדרות חקלאית פאַר דער אָנערקענונג פון דער אַרבעטס־ביוראָ. דער סכסוך קאָן אַלזאָ ברענגען צו אַ קריזיס, אָבער ער איז נאָר איינע פון די סיבות. ס׳זענען דאָ נאָך אַ סך פארבאַהאַלטענע סיבות, און דוקא דערפאַר זענען זיי אפשר געפערלעכער, ווייל זיי ברענגען צו אַ גייסטיקן קריזיס.

וועלכע זענען די סיבות?

די ערשטע פראַגע איז: וואָס איז דער מהות פון דער הסתדרות פועלי יהודה? צי דאַרף מען אַריינברענגען אין די הסתדרות, אַלס פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, אידעאָלאָגישע מאָמענטן? די אומ־פאַרטייאישע ענטפערן: יאָ, דער „הפועל־הצעיר״ — ניין.

די צווייטע פראַגע איז: דער פאַרנעם פון דער הסתדרות. דער „הפועל־הצעיר״ האָט געהאַלטן, אַז עס איז גענוג אַ ועד פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס וועט שטיין אין קאָנטאַקט מיט די קאָמיטעטן אין די קאָלאָניעס — און נישט קיין אָרגאַניזאַציע מיט אַן אָרגאַניזירטער מיטגלידערשאַפט און באַשטייערונגען.

און אויב דער קפא״י־סכסוך איז נאָר אַן אויסערלעכער פאַקטאָר פון דעם קריזיס, זענען די צוויי אויבנגעבראַכטע סיבות טיף פאַרבונדן מיטן עצם עקזיסטענץ פון דער הסתדרות פועלי יהודה. קלאָר, אַז עס איז נויטיק איצט אַ דריטע קאָנפערענץ.

די דריטע קאָנפערענץ אין יהודה

די ארבעטער־פּרעסע האָט דאַן פאַרצייכנט:

„אין אַ שטורמישער און אויפגערעגטער שטימונג זענען זיך צוזאַמען־געקומען די דעלעגאַטן צו דער דריטער קאָנפערענץ אין בן־שמן. די סכסוכים און קריגערייען האָבן די אַרבעטערשאַפט צוטיילט אין צוויי פיינדלעכע לאַגערן, וואָס זענען גרייט צום קאַמף, און די קאָנפערענץ איז אָפט געווען געגליכן מער צו אַ קאַמפּס־פעלד, ווי צו אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטס־חברים. עס זענען געווען שווערע און ביטערע מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און די אָרגאַניזאַציע פאַלט זיך פאַנאַנדער און ביידע קעמפנדע לאַגערן טיילן זיך אָפּ".

פאַר די 34 דעלעגאַטן פון די 260 לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער פון 9 קאָלאָניעס איז געבראַכט געוואָרן אַ סדר־היום, פול מיט פּראַקטישע ענינים. די צוויי פונקטן, וואָס האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן, „קפּא"י" און „אינפאָרמאַציע", ווערן איבערהויפּט נישט דערמאָנט אין סדר־היום, זייער אָרט האָבן פאַרנומען די פראַגן פון געמישטער שמירה, אַרבעטער־ווירטשאַפטן, קראַנקן־קאַסע, דער פאַראיין פון די מאָטאָר־אַרבעטער, די פראַגע וועגן דעם ווער קען זיין אַ חבר אין דער אָרגאַניזאַציע. און דאָך האָט די גרויסע מחלוקת געדריקט אויף דער קאָנפערענץ. און צוויי פון אירע וואָרט־זאָגער האָבן זיך מיט דער פראַגע פאַרנומען: ב. קאַצענעלסאָן, וואָס איז פאַר דער פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון דער א"י־דיקער אַרבעטערשאַפט און איז געווען קעגן קפּא"י און איר אַרבעטס־ביוראָ, וואָס איר לייטונג איז געווען אין חוץ־לארץ. קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן ש. קאַפּלאַנסקי, דער אַלטער טוער, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון אויסלאַנד צו איינאָרדנען דאָ דעם קפּא"י־פאָנד און די אַרבעטס־ביוראָען — ער האָט געבעטן די קאָנפערענץ, צו דער־מעגלעכן בשותּפותדיקע אַרבעט פון די א"י־דיקע אַרבעטער און זייערע חברים אין חוץ־לארץ, וואָס קוקן אויס צום אייגענעם לאַנד, נישט אויפשטעלן קיין מחיצה צווישן זיי און זיך באַציען מיט אַ ביסל

צוטרוי אויך צו די חברים אין חוץ־לארץ.

די פראַגע פון יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס און די גרינדונג פון אַרבעטער־ווירטשאַפטן ווערן דעבאַטירט צוזאַמען. דער רעפערענט ב. קאַצענעלסאָן פאָדערט, אַז די מושבי פועלים נעבן די קאָלאָניעס זאָלן זיין ווירטשאַפטן פון אַליין־אַרבעט. אים אונטערשטיצט י. ווילקאַנסקי און אַנדערע חברים פון „הפועל־הצעיר". דאַקעגן י. שפרינצאַק האַלט, אַז מ׳דאַרף שאַפן וואָס מער קאַדרען פון לוין־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס. אים אונטערשטיצט צבי יהודה, וואָס זאָרגט בעיקר פאַר דעם גורל פון דער יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס און האַלט, אַז לוין־אַרבעטער זענען נויטיק און נישט ווירטשאַפטן פון קליין־פויערטום. ש. קאַפּלאַנסקי, וואָס איז דער הויפּט־רעדנער פון די פועלי־ציון, טענה׳ט קעגן שאַפן אַ קלאַס פון קליין־פויערטום, און אונטערשטיצט דאָס בילדן פון אַרבעטער־קבוצות, ווי דגניה און מרחביה; אָבער עס זענען פאַראַן אויך פועלי־ציון־דעלעגאַטן, וואָס זעען אין אַ אמת׳ן מושב פועלים דעם ריכטיקן וועג צו לייזן די אַרבעטס־פראַגע אין דער קאָלאָניע.

טראָץ דער גרויסער מיינונגס־פאַרשידנהייט ווערן דאָך אָנגענומען פּאָזיטיווע רעזאָלוציעס וועגן גרינדן מושבי פועלים.

די פראַגע — ווען קען זיין אַ חבר אין דער אָרגאַניזאַציע רופט אַרויס גרויסע ויכוחים. איין טייל האַלט, אַז נאָר לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער ממש — און נישט בויער אָדער סטאָלערס און אַנדערע פאַך־לייט, אפילו אויב זיי זענען פאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפט, די שומרים וועלן אויסגעשלאָסן ווערן, ווייל זיי האָבן אַן אייגענעם פאַראיין. אַנדערע דאַקעגן האָבן געטענה׳עט, אַז די הסתדרות פועלי יהודה דאַרף איינשליסן אַלע אַרבעטער פון די קאָלאָניעס, אָן אונטערשייד פון פאַך, אויסער די משגיחים און די חברים פון די מושבי פועלים, וואָס אַרבעטן ניט ביי אַנדערע.

די קאָנפערענץ האָט אָנגעהויבן מיט אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַר־טייאישע־פאַרשידענהייטן און האָט זיך אַזוי אויך געשלאָסן. די אָפּשטימונג לאָזט איבער די זעלבע חלוקי־דעות: 19 שטימען פאַר

דעם פאַרשלאַג פון די פועלי־ציון. צו שטיין אין פאַרבינדונג מיטן אַרבעטס־ביוראָ פון קפא״י, 15 שטימען פאַר דער גלייכער באַציאונג צו קפא״י, ווי צו אַנדערע אינפאָרמאַציע־ביוראָען. דער שטורם אויף דער קאָנפערענץ פאַרשטאַרקט זיך. און די מינדערהייט אַנטזאָגט זיך צו באַטייליקן אין צענטראַל־קאָמיטעט.

אָבער, „די חברים פון דער מערהייט, וואָס האָבן אַנערקענט, אַז דער אמת און גערעכטיקייט איז מיט זיי, האָבן דאָך נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן אינערלעכן פירוד, אויך די מינדערהייט האָט נישט געוואָלט ברענגען צו אַזאַ לאַגע, וואָס צוליב איר האַלטונג זאָל צושטערט ווערן די אָרגאַניזאַציע, ...איז טאַקע אַ דאַנק אָט דעם געמיינזאַמען ווילן אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע — באַזיגט געוואָרן דער בייזער פּאַרטייאישער גייסט און געפונען געוואָרן אַ יסוד פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענ־דיקונג״...

אחדות און שפּאַלטונג

עס זענען פאַרלאָפן בלויז זעקס וואָכן — און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָ אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג. צו די צוויי פריערדיקע חברים פון דער מזכירות פונם נייעם ועד — ב. כצנלסון און מ. רוטבערג, איז צוגעקומען אַ נייער כוח, יצחק טאַבענקין. דער ערשטער צירקוליאַר, וואָס שטעלט פעסט, אַז „אויף דער דריטער קאָנפערענץ זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן די פאַרטייאישע סכסוכים און ס׳איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע״, דערציילט וועגן דער טעטיקייט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן, און רופט צו נייע מעשים. דער ועד האָט געהאָלפן שאַפן נייע אַרבעטער־ווירטשאַפטן, די מושבי־הפועלים אין נחלת יהודה און כפר מל״ל, די פאַרשידענע קבוצות פאַר דעראָבערונגס־אַרבעטן און קאָלאָניזאַציע אין באר־טוביה אין דרום, אין רוחמה אויפן גרעניץ פון נגב, און אין כרכור אין־שומרון־טאָל.

אָבער אין דער צייט, וואָס דאָ אין יהודה האָט דער גייסט פון

אַחדות באַזיגט דעם שטן פון פירוד, האָט דער שטן פון פירוד געפונען זיין וועג אין גליל, וועלכער האָט זיך פון שטענדיק אָן אויסגעצייכנט מיט אַ בשותפותדיקער צווישן־פּאַרטייאישער אַרבעט. אָט איז פּאָר־געקומען אין דגניה די קאָנפערענץ פון די גליל־אַרבעטער און דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ שווערער קאָנפליקט. די „פּועלי־ציון״ זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַשולדיקונג, אַז די קאָנפערענץ איז צוגעגרייט געוואָרן אין גרויסער איילעניש, געהיים און ענג־פּאַרטייאיש, און אַז אויך דער ועד איז געוויילט געוואָרן אָן דער באַטייליקונג פון די שומרים, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן אין אויפלעבן דעם גליל און אין דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע ביז איצט.

אויך אין יהודה זענען פאַרבײַ די האָניג־מאָנאַטן פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג.

י. בן־צבי שרייבט אין אַ געוויסער צייט אַרום:

„דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן ליכט — איז דאָ אויך שאָטן. עס איז אַ טעות צו האַלטן, אַז די קעגנער פון דער אַרבעטס־ביוראָ פון קפא״י האָבן שוין משלים געווען מיט דער לאַגע. די איבער־וויגנדע מערהייט האָט, אמת, אויסגעדריקט איר סימפּאַטיע צו דעם אַנשטאַלט, און די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו העלפן די ביוראָ אין איר טעטיקייט, אָבער די אַרבעטער־קאָמיטעטן אויף עטלעכע ערטער שטייען אָן אַ זייט״.

אָט די האַלטונג פון אייניקע אַרבעטער־קאָמיטעטן איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דער גאַנץ פאַרשידענער אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון די אַרבעטס־ביוראָען.

אין דער צייט, ווען איין פּאַרטיי האַלט שטאַרק פון דער לשכת־עבודה (אַרבעטס־ביוראָ), זעט אין דעם די צווייטע פּאַרטיי אַן „עקספּערימענט״ וואָס האָט קלאָר באַוויזן, ווי ווייט ער שעדיקט די אינטערעסן פון אַרבעטער־צבור אין לאַנד״. אַזוי האָבן זיך די באַציאונגען צווישן די פּאַרטייען פאַרשאַרפט.

די טעטיקייט פון די פאַרטייען

די פאַרטייען זענען געווען גאַנץ טעטיק אין יענער צייט און האָבן אפילו פאַרברייטערט זייער טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן, בעיקר וואָס איז נוגע דער ציוניסטישער געזעלשאַפטלעכקייט, פאַרבינדונגען מיט חוץ־לארץ, פּאָליטישע דערציאונג און דערציאונג צו אַרבעט אין לאַנד. באַזונדערס זענען זיי געווען טעטיק צווישן דער יוגנט און די יידן פון די מזרח־לענדער. אויפן געביט פון יוגנט־דערציאונג דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן די השפעה, וואָס די פאַרטייען האָבן אויסגעאיבט אויף די שילער פון דער גימנאַזיע „הרצליה", וואָס אירע אַבסאָלווענטן פון ערשטן אַרויסלאָז האָבן זיך דאַן דערנענטערט צום אַרבעטס־געדאַנק און אַ טייל פון זיי זענען געוואָרן אַרבעטער. אליהו גולומב און דוב הוז זענען אַוועק אין דגניה און זענען געוואָרן שטאַרק באַאיינפלוסט פון איר גייסט, באַזונדערס פון יוסף טרומפעלדאָר, וועלכער איז דאַן געווען אין דגניה. זייער ביישפּיל האָבן נאָכגעפאָלגט נאָך אייניקע תלמידים פון דער גימנאַזיע. משה שערטאָק איז געפאָרן לערנען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זיך אָנשליסן אָן דער גרופּע פון ד. בן־גוריון, י. בן־צבי, י. שוחט, ד. רמז א. א., וואָס האָבן שטודירט אין אוניווערסיטעט, כדי צו קענען דינען דעם ישוב אין די נייע באַדינגונגען פון דער פּאָליטישער אַרבעט, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דער נייער ליבעראַלער טערקיי.

„אַן אנשטאלט וואָס מ׳וועט קענען מיט אים שטאלצירן"

אין אָט דער צייט פון געשפּאַנטן פאַרטייען־קאַמף איבערן אינהאַלט און טעטיקייטס־וועג פון דער הסתדרות פּועלי יהודה, איז פאַרגעזעצט געוואָרן די טעטיקייט און עס זענען געשאַפן געוואָרן נייע ווערק. דער טיפער גלויבן אין דער שליחות פון דער הסתדרות, וואָס מוז זיין אומפאַרטייאיש און דער אינסטינקטיווער צוקונפט־געפיל זענען בייגעשטאַנען אירע טוער צו איבערווינדן זייערע

אייגענע פּאַרטייאישע נייגונגען און פליכטן און ווידמען זייערע כוחות צו פאַרפעסטיקן די אָרגאַניזאַציע. איצט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן די קופּת־חולים, וועגן וועלכער מ׳האָט באַשלאָסן מיט אַנדערהאַלבן יאָר פריער, נאָך אויף דער צווייטער קאָנפערענץ. אין משך פון דער צייט איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם צוועק געלט און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן די נויטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע הכנות. שבועות תרע״ג (1913) איז פאָרגעקומען די צווייטע קאָנ־פערענץ פון דער קופּת־חולים. עס זענען אָנגענומען געוואָרן די תקנות און אַרבעטס־פּראָגראַם פון דער קופּת־חולים — 31 פונקטן. דער ערשטער פונקט שטעלט פעסט דעם פּרינציפּ: די קופּת־חולים איז געגרינדעט געוואָרן און איז טעטיק אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער הילף. אָט די הנחה איז ניט געבראַכט געוואָרן סתם, כדי צו באַשטימען אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ, נאָר בעיקר כדי צו ציען פון דעם די נויטיקע פּראַקטישע קאָנסעקווענצן: ווי זאָל מען אויפנעמען חברים, ווי זאָלן די מיטלען געזאַמלט ווערן? אויך אין דעם פאַל, ביים גרינדן דעם זייער נויטיקן אַנשטאַלט דערוועקן זיך עטלעכע פּרינציפּיעלע פראַגן: מעג מען זיך באַנוצן מיט די געלדער, וואָס ווערן געזאַמלט אויף פאָרטראַגן און פייערונגען לטובת דער קופּת חולים אָדער ניט? מעג מען מאָראַליש פאַרפליכטן אַלע אַרבעטער אין יהודה, אויך די וואָס זענען נישט חברים פון דער קופּת חולים, צו שפּענדן אַן אַרבעטס־טאָג לטובת דעם אַנשטאַלט אָדער נישט?

דאָס איז אַ געגנוואָרטס־טעטיקייט, וואָס איז געטראָגן אויף די פליגלען פון דער צוקונפט. אַזוי האָט טאַקע דער אַרבעטער־צבור עס פאָראויסגעזען: „עס איז צו האָפן, אַז דעם אַנשטאַלט וועלן געווידמעט ווערן כסדרדיקע אָנשטרייענגונגען, און אַז די קופּת־חולים וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אמתן פאָלקס־אַנשטאַלט, וואָס די א״י־דיקע אַרבעטערשאַפט וועט קענען מיט אים שטאָלצירן“. די זאַך איז טאַקע מקוים געוואָרן. די קופּת־חולים האָט אָן אויפהער, אָנהויבנדיק פון 1913 יאָר, אויך אין די שווערע יאָרן פון מלחמה, געפירט איר טעטיקייט, און איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון

אַ וויכטיקן פאָלקס־אַנשטאַלט, וואָס די א״י׳דיקע אַרבעטערשאַפט קאָן מיט אים שטאָלצירן.

אין שטאָט

אָט די גרויסע באַוועגונג און געזעלשאַפטלעכע און אָרגאַני־זאַציאָנעלע טעטיקייט, וואָס מיר טרעפן ביי די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, האָט נישט געפונען איר גלייכן אָפקלאַנג אין שטאָט. דאָך קאָן מען פאַרצייכענען עטלעכע חשוב׳ע התחלות. אויך די שטאָטישע אַרבעטער האָבן דאָ און דאָרט דעראָבערט נייע אַרבעטס־ערטער. דאָס איז געווען זייער ביישטייער פאַרן „כבוש עבודה״. די, וואָס האָבן פּרובירט צו דעראָבערן די שטיין־האַקעריי־אַרבעטן אין ירושלים מיט דער הילף פון „בצלאל״, האָבן אונטערגענומען אַ צווייטן וויכטיקן פאַרזוך: זיי האָבן די ערשטע אָרגאַניזירט אַ קאָמונע־לעבן — די קאָמונע פון די שטיין־האַקער (פון אלכסנדר זייד און זיינע חברים פון „פועלי־ציון״ און נאָך אים יוסף בּאַראַץ און זיינע חברים פון „הפועל הצעיר״ —— אין די יאָרן 1907/8). אין יפו האָבן עקזיסטירט איינציקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און אויך אַ „פאַרבאַנד פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען״. אויך דאָ איז די הויפּט־זאַך געווען צו דעראָבערן די אַרבעט — די בוי־אַרבעט. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס געווען ביים אָנפאַנג בויען תל־אביב. ווייל די בעלי־בתים פון דער יידישער שטאָט איז געווען „קלאָר״, אַז אומזיסט וועלן זיין די באַמיאונגען פון יידישע בוי־אַרבעטער, אַ הויז, וואָס וועט געבויט ווערן דורך יידישע אַרבעטער וועט „געוויס״ איינפאַלן. איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, אויב עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב, ווען מ׳האָט געענדיקט בויען דעם ערשטן עטאַזש פון דער מיידל־שול אין יפו, וואָס איז געבויט געוואָרן נאָר דורך יידישע הענט. די לעצטע שטיינער האָט מען פאַרקויפט צום צייכן פון פרייד און דאַן האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקע פייערונג. — — — נאָך דער פייערונג איז פאָרגע־קומען אַ דעמאָנסטראַציע און מ׳האָט דעם גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט

אין געזאַנג און טענץ און רעדעס... די שמחה איז געווען גרויס, ווי ס'איז גרויס די פרייד פון אַ יונגער מוטער זעענדיק די ערשטע שריט פון איר קינד.

אַן אַרבעטער אין שטאָט נויטיקט זיך אין אַ צוזאַמענקונפט־פונקט. אין אָנפאַנג 1909 איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן אין יפו אַ קלוב, וואָס אין זיין ערשטן ועד זענען געווען חברים פון פועלי ציון, הפועל־הצעיר און אומפּאַרטייאישע. נאָך דעם איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קלוב אין חיפה, און זומער 1910 איז געגרינדעט געוואָרן דאָס אַרבעטער הויז אין ירושלים. אין אַלע ערטער איז דער קלוב געווען אַ צענטער פאַר יעדער טעטיקייט און פאַר יעדער געזעל־שאַפטלעכער אויפמונטערונג אין אַרבעטער־צבור. טראָץ דעם באַ־קלאָגט זיך אַ קאָרעספּאָנדענט אין ווינטער תרע״ב (1912), אַז „אין דער שטאָט איז ניט צו מערקן קיין טעטיקייט. אפילו די קלובן אין יפו און אין חיפה האָבן ניט קיין השפעה אויפן לעבן פון די אַרבעטער אין שטאָט״.

ערשטע שריט פון ארגאניזירונג ביי די שטאט־ארבעטער

אין משך פון דער צייט באַווייזן זיך די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ פּראָפעסיאָנעלער עקזיסטענץ־פעאיקער אָרגאַניזירונג. אין ירושלים זענען אָרגאַניזירט די דרוק־אַרבעטער און שטיין־האַקער פון יאָר 1910 און ווייטער. אין יפו האָבן די פאַרטייען אַ סך מי געווידמעט דער גרינדונג פון „צענטער פון די בעלי־מלאכות״ („מרכז בעלי־מלאכה״), וואָס איז דאַן געשטאַנען נאָענט צו דער אַרבעטערשאַפט. אָנפאַנג 1913 האָבן זיך אָרגאַניזירט פון דאָס ניי די סטאָלער־אַרבעטער און באַנייט זייער פאַראיין אויפן פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף און פאַרבאָט אויפצונעמען אין פאַראיין אַ סטאָלער וואָס אַרבעט ניט אַליין. אויך דער פאַראיין פון שלאָסערס האָט אויפגענומען בלויז לוין־אַרבעטער. אין חיפה זענען דאַן געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין פון די טרעגער און די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פון טעכניקום. די קעגנערשאַפט צו יידישער

אַרבעט מצד די אונטערנעמער און די סוחרים — אויך פון געוויסע קרייזן פון ציוניסטישע טוערס — האָבן צו נישט געמאַכט דעם יסוד פון די פאַראיינען.

אין פרילינג 1913 איז געגרינדעט געוואָרן אין יפו דער פאַראיין פון די באַאַמטע און האַנדלס־אַנגעשטעלטע, אויך אויפן קלאַסן־פרינציפ: די 15 דירעקטאָרן, וואָס זענען דאַן געווען צווישן די באַאַמטע, האָט מען נישט אײַנגענומען אלס חברים פון פאַראיין. דער פאַראיין האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און צוזאַמען מיטן לערער־פאַראיין זענען זײַנע חברים געווען טעטיק אין קאָמיטעט צו פאַרשטאַרקן די יידישע אַרבעט, וואָס האָט אונטערשטיצט די שטרייקער אין סעדזשעראַ (וועגן דעם וועלן מיר דערציילן ווייטער) און נאָך. אונטער זייער אײַנפלוס איז אויך אין ירושלים געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין פון די באַאַמטע און אַנגעשטעלטע, אין מיטן יולי 1914, אין חודש פון וועלט־קריג, וואָס האָט דערשטיקט די אָרגאַניזיר־אַרבעט ביים סאַמע אָנהויב, אָבער דער פאַראיין פון די באַאַמטע האָט ווי־ניט־איז עקזיסטירט אויך אין די מלחמה־יאָרן.

אָבער ניט נאָר דורך דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג האָט דער שטאָטישער אַרבעטער געזוכט צו פאַרבעסערן זײַן לאַגע. אָנפאַנג 1911 איז געגרינדעט געוואָרן אין תל־אביב אַ „געמיינזאַמע קראָם" פון אַרבעטער און אַנגעשטעלטע וואָס האָט עקזיסטירט צוויי יאָר. דאָ און דאָרט טרעפן מיר סימנים פון אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו. אַזוי האָט מען געזאָרגט צו פאַרוואַנדלען די דרוקעריי „אחדות" פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. אין דער שול פאַר קונסט און מלאכה „בצלאל" אין ירושלים זענען פאַרשידענע אָפּטיילונגען אײַנגעאָרדענט געוואָרן אַלס קאָאָפּעראַטיוון. אָנהויב 1913 שרייבט דער לערער און פירער נחמן סירקין, וואָס האָט תמיד גערופן צו קאָאָפּעראַציע, פאָלגנדעס:

„דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָנהויבן אַנטוויקלען אין א"י קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זאָלן אַרומנעמען

אַלע ווינקעלעך פון לעבן אין לאַנד״

קפא״י האָט אַנערקענט די אַנטוויקלונג פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אַלס איינע פון אירע אויפגאַבן, אָבער גרינדן אונטער־נעמונגען איז נישט קיין לייכטע זאַך, און נאָר אין זומער 1914 ווערט אין ירושלים געגרינדעט די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי „אחוה״.

אין 1913 אַנטוויקלט נחמן סירקין ווייטער זיין געדאַנק: „דאָס בויען הייזער צוזאַמען מיט אַ גרינס־ווירטשאַפט און בהמות־צוכט — זענען אויך מעגלעך אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון וועג. דאָס בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער קען דינען אַלס איבערגאַנג צום בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע גאָרטן־שטאָט, וואו עס קען פאַראייניקט ווערן אַ דאָרפישע ווירטשאַפט מיט שטאָטישער אינדוסטריע״.

דאַן, אין פרילינג 1914, האָט דער סטאָלער־פאַראיין געגרינ־דעט אַ אַרבעטער־ישוב נעבן יפו א. נ. „מגרש גנים״, 5—3 דונאַם פאַר יעדן חבר, כדי יעדער חבר זאָל האָבן אַ קליינע הויז־ווירטשאַפט. דער אַרבעטער־ישוב האָט באַשטימט אין זיינע תקנות, אַז מיט דעם באָדן פון „מושב״ טאָר מען נישט ספּעקולירן און דער וואָס פאַרלאָזט דעם „מושב״ גיט איבער דעם באָדן דעם פאַראיין, וועלכער נעמט אויף זיין אָרט אַ נייעם חבר, וואָס צאָלט דעם זעלבן גרונטפּרייז פאַרן באָדן. דעם מושב באַזירט זיך אויף יידישער אַרבעט. אָט די תקנה טאָר קיינמאָל נישט און אויף קיין פאַל נישט געענדערט ווערן.

אַז „די זידלונגס־פאָרם איז אַ נייער טיפּ פון קאָלאָניזאַציע און מ׳קען אויף אים לייגן גרויסע האָפנונגען — איז דאַן געווען אַן אַנגענומענע מיינונג אינם אַרבעטער־צבור. אָט די האָפנונגען זענען, אמת, ניש מקויים געוואָרן. אָבער אָט די שטאָטישע אַרבעטער זידלונג מיטן נאָמען, „מגרש־גנים״, וואָס האָט זיך ניט אַנטוויקלט צוליבן אויסברוך פון וועלט־קריג, איז אין לויף פון דער צייט, נאָך אַ סך גלגולים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָטישן קוואַרטאַל מיט קליינע ווירטשאַפטן פאַר די אַרבעטער פון תל־אביב מיטן נאָמען „עיר־גנים״, וואָס איז שפּעטער געוואָרן ר מ ת ־ ג ן.

ווייסט דען די „קאַפּיטאַליסטישע״ רמת־גן, וואָס איר פאַר־וואַלטונג איז אַזוי אויסגעשפּראָכן קעגן די אַרבעטער, אַז נישט נאָר איר בירגערמייסטער איז אַ געוועזענער סטאָלער, פון די ערשטע פון דער צווייטער עליה און חבר פון „פּועלי־ציון״, נאָר אַז רמת־גן אַליין איז נאָר אַ ווייטערער גלגול פון אַן אַרבעטער־זידלונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די סטאָלערס, אונטער דער השפעה און מיטהילף פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי?

נישט נאָר אין דאָרף, נאָר אויך פאַר אַ סך פון דאָס פאַראַנענע אין שטאָט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער איניציאַטיוו פון דער צווייטער עליה.

שטרייקן אין שטאָט און דאָרף

איינער פון די הויפּט־סימנים פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט איז דער שטרייק, וואָס איז אַ שטענדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון געדונגענער אַרבעט אין דער אינדוסטרי און מלאכה אין שטאָט. אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה לאָזן זיך דוקא מער פילן די שטרייקן אין דאָרף, הן לויט זייער געוויכט און הן לויט דעם אָפּקלאַנג, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ברייטן צבור און אין דער באַוועגונג.

דער ערשטער פון זיי איז דער שטרייק אין יקב אין ראשון־לציון, אָנהויב 1907, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אויפגעשטורמט דעם ישוב און די גאַנצע ציוניסטישע וועלט. אין דער חוץ־לארץ־דיקער פּרעסע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען פאַר און קעגן. צווישן די פאַרטיידיקער און באַשולדיקער זענען אויך געוועזן חברים פוןביידע אַרבעטער־פּאַרטייען.

אין זעלבן יאָר זענען נאָך אויסגעבראָכן שטרייקן אין מעטאַל־פאַבריק אין יפו און אין די דרוקערייען אין ירושלים. ביידע האָבן געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. אָבער דער שטרייק אין דרוקער־פאַך אין ירושלים איז געווען אַ הקדמה צו אַ גרעסערן

שטרייק אין ירושלים (אין הערבסט 1908), צו אַן אַלגעמיינעם דרוקער שטרייק. די ירושלים׳ער רבנים צוזאַמען מיט אַ טייל פון אירע משכילים, די לייטער פון דער „חלוקה״ פון אַלטן ישוב, אַ טייל פון די טוער פונם נייעם ישוב און ציוניסטישע עסקנים, האָבן אַרויס־געגעבן אַ פאַרבאָט: קיין ייד טאָר נישט נעמען אויף אַרבעט קיינעם פון די אַרבעטער און אויך נישט געבן אַרבעט די, וואָס מען ווייסט, אַז זיי זענען פאַרבונדען מיטן פאַריין, ביז זיי וועלן אים פאַרלאָזן און וועלן זיך פאַרפליכטן מער נישט האָבן מיט אים צו טאָן.

אַלס ענטפער אויף דעם „הייליקן״ קאַמף, האָבן די שטרייקער אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער. זיי האָבן מאַרשירט זינגענדיק די „מאַרסעליעזע״, און אויסרופנדיק „זאָל לעבן די פרייהייט!״ און „זאָל לעבן דער דרוקער־פאַראיין!״ דאָס אַרבעטנדע ירושלים האָט רעוואָלטירט מיטן כוח און פירונג פון זיבציק שטרייקנדע אַרבעטער.

אויך ווינטער 1910/11 זענען געווען שטרייקן אין די דרור־קערייען און אין „בצלאל״ אין ירושלים און אין דער פאַבריק „עתיד״ אין חיפה. אָבער אַ שטרייק פון אַ גרויסן היסטאָרישן באַדייט איז פאָרגעקומען דאָן אין דער פאַרם פון „כנרת״, צוליב דער גראָבער האַנדלונג פון פאַרוואַלטער, וואָס האָט זיך אַנטזאָגט צו געבן די אַרבעטער אַ וואָגן צו פאָרן קיין טבריה אויף דער לויה פון זייער חבר, אַן אַרבעטער פון דער פאַרם. אָט דער פונק האָט אויפגעפלאַמט אין אַ גרויס פייער. ס׳איז דערקלערט געוואָרן אַ שטרייק (אין דעם איז טעטיק געווען דער האַמאָלסדיקער פאַרם־אַרבעטער, ב. קאַצע־נעלסאָן) מיט דער פאָדערונג צו אַנטזאָגן דעם פאַרוואַלטער. ד״ר רופין איז באַלד געקומען קיין כנרת. דאָס מאָל האָט ער דערפילט די פאָדערונג פון די אַרבעטער און דער פאַרוואַלטער איז אַנטזאָגט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון פון די לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטער.

מער באַקאַנט איז דער שטרייק אין דער פאַרם פון סעדזשעראַ (ווינטער 1914), וואָס איז איבערגעגאַנגען צו דער „אגודת נטעים״

וועלכע האָט דאָרט איינגעפירט טיילווייז אַראַבישע אַרבעט. דער שטרייק, וואָס איז דערקלערט געוואָרן דורכן ועד פון הסתדרות פועלי הגליל, האָט אויפגעשטורמט דעם ישוב. אין יפו און ירושלים האָבן אַ סך פּראָגרעסיווע קרייזן, וואָס זענען געשטאַנען נאָנט צו דער אַרבעטערשאַפט, געגעבן פיל שטיצע די שטרייקער.

די לעצטע קאָנפערענץ אין יהודה פאַר דער מלחמה

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אין ראשון־לציון די פערטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות פועלי יהודה. אַ קלאָרער צייכן פון וואוקס פון דער הסתדרות איז די צאָל פון די דעלעגאַטן: 58 פאָרשטייער פון 400 אַרבעטער, דאָפּלט מער ווי ביי דער דריטער קאָנפערענץ. אָבער מער ווי די צאָל, איז דער אופן פון דער באַהאַנדלונג פון די פראַגן, אַ באַווייז פון וואוקס און זעלבסט־שטענדיקייט־געפיל. דאָ איז צום ערשטן מאָל אָנגענומען געוואָרן דער באַגריף „מושבי עובדים", וואָס איז פון דער קאָנפערענץ אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ שאַפונג פון אַ גרויסן און באַזונדערן ווערט פאַר אויפבוי פון לאַנד און פאַרפעסטיקונג פון יידישן ישוב. דערפאַר דאַרף די קרן הקימת ווידמען גרויסע מיטלען פאַר זיי. און הגם מ'דאַרף זיך בעיקר אָפּגעבן דער שאַפונג פון אַרבעטער־ישובים, מוז מען אָן אויפהער פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט אין די קאָלאָניעס. אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך אויך געענדערט די באַציאונג צו קפא״י, ארום וועלכער עס איז פריער, ווי באַקאַנט, געפירט געוואָרן אַ גרויסער קאַמף. די דערפאַרונג מיט דער אַרבעט פון די אַרבעטס־ביוראָען האָט געצוואונגען די קאָנפערענץ אָפּצושאַצן פּאָזיטיוו דעם פאָרשלאַג פון פועלי־ציון־ביוראָ וועגן צוזאַמענאַרבעט. די רעזאָלוציע, וואָס פאַרפליכטעט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן אַרבעטס־ביוראָ פון קפא״י, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אין אַלגעמיין האָט די קאָנפערענץ באַוויזן, אַז דער אַרבעטער־צבור האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פריערדיקן פאַרבאָט פון יעדער הנאה פון געזעלשאַפטלעכע געלדער. אַזוי איז

די קאָנפערענץ אַרויס קעגן דעם באַיקאָט אויף די אַרבעטער־היימען (ווייל זיי זענען געבויט געוואָרן מיט די מיטלען פון ק. ק. ל.).

אָט די לעצטע קאָנפערענץ פאַרן קריג, איז אויפגענומען געוואָרן פון אַרבעטער־צבור מיט גרויס אָפּשאַצונג. עס זענען פאַרגעסן געוואָרן די אַלטע סכסוכים, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט פון יעדן שיינעם ווינקל פון דער אַרבעטער־געזעלשאַפטלעכקייט. איין ווילן — געפינען אַן אויסוועג פון דער פאַרוויקלטער לאַגע און שאַפן אַ נייעם פונדאַמענט פאַר עקזיסטענץ — האָט פאַראייניקט אַלעמען. אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך געפּילט דער זיכערער גלויבן פון אַרבעטער אין זיין כוח, אַ זאַך, וואָס האָט געפעלט דעם אַרבעטער־צבור אין משך פון די פריערדיקע יאָרן.

מיטן געדאַנק פון אייניקייט

איינע פון די רעזאָלוציעס פון דער פערטער קאָנפערענץ אין יהודה האָט אויך באַרירט די פראַגע פון פאַראייניקן אַלע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער אין לאַנד. אָט דער געדאַנק באַגלייט די באַוועגונג פון אירע ערשטע טעג אָן. אין 1910 יאָר האָט י. בן־צבי געשריבן וועגן דער נויטווענדיקייט צו רופן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין לאַנד. דער געדאַנק איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן ביז דער אַנטשטייאונג פון „אחדות־העבודה״. אָבער שוין אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אין יהודה איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטיין אין פאַרבינדונג מיטן ועד פון די אַרבעטער אין גליל. דער באַשלוס פון דער צווייטער קאָנפערענץ אין ענין פון קפא״י רעדט וועגן אַן אַ ל ג ע מ י י נ ע ר אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין א״י. די דריטע קאָנפערענץ האָט פאַרפליכטעט דעם צ. ק. צו גרינדן אי י ן אַלגעמיינעם קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳זאָלן זיך באַטייליקן פאָרשטייער פון אַלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט גלייכע רעכט, צו פאַראייניהייטלעכן די טעטיקייט פון די פאַראיינען. די רעזאָלוציע באַציט זיך אויך אויף דער פאַראייניקונג מיט די שטאָט־אַרבעטער.

די קופת־חולים, וואָס איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן, האָט פעסטגעשטעלט די זעלבע תקנות פאַר די אַרבעטער אין שטאָט און קאָלאָניע. און הגם די קופת־חולים האָט דאַן נאָך נישט געהאַט קיין סניף אין שטאָט, האָט זי געגעבן די אַרבעטער פון שטאָט דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין דער לייטונג פונם אַנשטאַלט. די פערטע קאָנפערענץ אין יהודה האָט געוויילט אַ פאַרשטייער צום פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די אַרבעטער פון גליל, יהודה און „השו־מר". אין דעם קאָמיטעט זאָלן זיך אויך באַטייליקן פאָרשטייער פון די פראָפ. פאַראיינען אין שטאָט. פינף וואָכן שפּעטער איז צוזאַמענגעקו־מען דער פאַראייניקטער קאָמיטעט און האָט באַשטימט אַ סך וויכטיקע תקנות וועגן ענינים, וואָס די קאָנפערענצן האָבן קיינמאָל נישט באַהאַנדלט. דאָ איז אָנגענומען געוואָרן צום ערשטן מאָל דער פּרינציפּ פון אייגענער אַרבעט אין די מושבי עובדים. דאָ איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם ביכער פאַרלאַג „אדמה".

דער געדאַנק פון פאַראייניקונג איז נישט אַראָפּ פון סדר־היום. פון דאַן אָן ביז דער אַנטשטייאונג פון „אחדות העבודה" און דער שאַפונג פון דער הסתדרות איז איין קייט, וואָס איז נישט איבער־געריסן געוואָרן פון 1910 ביז 1920.

קריזיס און איבערגאַנג

די תקופה פון דער צווייטער ע ל י ה האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זין פון איר אַנטוויקלונגס־גאַנג, מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאַן האָט אויפגעהערט די עליה, און אַ סך פון אירע חברים און עסקנים זענען אַרויסגעפאָרן פון לאַנד אָדער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן: י. אהרונוביץ, ד. בן־גוריון, י. בן־צבי און נאָך. די, וואָס זענען געבליבן, האָבן געהאַט אָן עיקר־אויפגאַבע: אָפּהיטן דאָס פאַראַנענע. אָבער אין די שווערע יאָרן איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די איניציאַטיוו און דער שאַפונגס־גייסט פונם אַרבעטער־צבור. עס אַנטפּלעקט זיך דער כוח פון דער קעגנזייטיקער הילף אין דער אַרבעטערשאַפט. אַזוי דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן די

אַרבעטער־קאָמוּנעס אין די קאָלאָניעס, און באַזונדערס אין פּתח־תקוה, וואו ס׳זענען געווען טעטיק א. האַרצפעלד, וואָס איז געקומען אין לאַנד ממש ערב דער מלחמה, און נ. הרפז. עס איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות פועלי השומרון, וואו ס׳איז געווען טעטיק ד. רמז; עס זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע באַמיאונגען צו גרינדן אַן אַלגעמיינע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע. די קופּת־חולים איז געווען טעטיק אונטער דער לייטונג פון י. אפטר, אין משך פון דער גאַנצער מלחמה. די חברים פון כנרת, מ. רוטבערג, ב. כצנלסון און ש. לביא איניציאירן די גרינדונג פון „המשביר" און די אַרבעטער־ווירטשאַפטן באַזאָרגן דורך דעם „המשביר" די קאָלאָניעס אין יהודה מיט שפּייז. די אַרבעטער אין גליל, באַזונדערס י. בוסעל, זענען טעטיק אין קאָמיטעט פאַר פּליטים־הילף. א. האַרצפעלד און י. בן־יעקב ראַטעווען דאָס לעבן און פאַרלייכטערן דיליידן פון הונדערטער אַרעסטירטע אין דמשק. עס זענען אַנטשטאַנען די ערשטע אַרבעטאָרינס־קבוצות, און ס׳איז געמאַכט געוואָרן אין כנרת דער ערשטער פּרווו צו באַקומען ע פ ע נ ט ל ע כ ע אַרבעטן אין קבלנות (קאָנטראַקט־אַרבעט). צום סוף דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן די באַוועגונג פאַרן יידישן גדוד (לעגיאָן) מיט א. גאָלאָמב און דוב הוז בראש. אין די געצעלטן פון יידישן גדוד האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער געדאַנק און ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אַלע פּראַקטישע הכנות צו שאַפן די „אחדות העבודה", וואָס איז געווען דער לעצטער אויפטו פון דער צווייטער עליה, ערב דעם דערשיינען פון די ערשטע שוואַלבן פון דער דריטער עליה.

די העכסטע געוואגהייט

ווען דער צווייטער עליה, וועלכע האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר די גרויסע שאַפונגען, וואָס די אַרבעטס־באַוועגונג אין לאַנד האָט אויסגעפורעמט פון דאַן ביז היינט, זענען דאָ פיל אָפּשאַצונגען, וועגן איר ווען און וועגן איר וועג. אָבער אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג און דערקלערונג קען מען אפשר געפינען אין אַ קורצן

זאַץ אין א. ד. גאָרדאָנס אַ בריוו פון ארץ־ישראל, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט:

„די לעגענדע דערציילט: וואָלטן די יידן פאַרשפּעטיקט אַרויס־צוגיין פון מצרים איין מינוט — וואָלטן זיי נישט אויסגעלייזט געוואָרן. איך פאַס אויף די זאַך אַזוי: עס איז געווען אַ מאָמענט פון העכסטער געוואַגהייט, אַזאַ געוואַגהייט, וואָס אַ מענטש איי פעאיק צו באַווייזן נאָר אין מאָמענט פון אַ פּלוצלונגדיקן אומגליק, ווען ער וויל דאַטעווען וואָס מ׳קען. דאַן איז ער פעאיק צו נעמען אויף זיך אַ משא, וואָס איז נישט לויט זיינע כוחות, דאַן פילט ער נישט איר שווערן געוויכט. אַזעלכע מאָמענטן קערן זיך נישט אום. מיר דאַרפן צוגרייטן דעם קומען פון אַזאַ מאָמענט: אַ מאָמענט פון העכסטער געוואַגהייט".

האָט טאַקע די צווייטע עליה דערפילט איר פליכט: תרס"ד—תרע"ד זענען געווען אַ צייט פון העכסטער געוואַגהייט אין אונזער געשיכטע.

אינהאלט

צוויי קוואַלן 3
אַ גורל־יאָר פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג . 4
דער אָנפאַנג פון דער אַרבעטס־ליטעראַטור 8
דער רוף וואָס האָט באַוואויגן 10
כבוש העבודה 12
יסורים 15
די ערשטע שריט צו דער אָרגאַניזירונג . . 18
צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען 20
דער באַיקאָט אויפן יידישן אַרבעטער 22
קיין גליל! 24
דער נייער עולה און זיינע ערשטע שריט אין לאַנד . 25
די תקופה פון יאוש 27
און ווידער אויפשטייג 29
דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא 30
„החורש" און די גרינדונג פון כנרת 31
„השומר" 33
דער כוח פון סעדזשערא 35
די חברה אין סעדזשערא 36
דער וועג צו אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע 38
פון אום־ג'וני צו דגניה און מרחביה 40
די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין גליל 42
ביי די אַרבעטאָרינס 43
די פאַרמען 45
די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין יהודה . . 46
קפא"י 47
די צווייטע קאָנפערענץ אין יהודה 49
גייסטיקע זאָרג און קולטור־אַרבעט 5

די צווייטע קאָנפערענץ אין גליל 53
אין צייכן פון אַקטיוויטעט 55
די תימנער יידן אין דעם אַרבעטער־צבור . . . 56
פון קאָנפערענץ צו קאָנפערענץ 58
אַ נייער אַנשטאַלט 59
די דריטע קאָנפערענץ אין יהודה 61
אחדות און שפּאַלטונג 63
ד טעטיקייט פון די פּאַרטייען 65
„אַן אַנשטאַלט, וואָס מ׳וועט קענען מיט אים שטאָלצירן 65
אין שטאָט 67
ערשטע שריט פון אָרגאַניזירונג ביי די שטאָט־אַרבעטער 68
שטרייקן אין שטאָט און דאָרף 71
די לעצטע קאָנפערענץ אין יהודה פאַר דער מלחמה 73
מיטן געדאַנק פון אייניקייט 74
קריזיס און איבערגאַנג 75
די העכסטע געוואַגהייט 76

בהוצאת מחלקת „החלוץ" ליד הועד הפועל של ההסתדרות
הופיע מאסף

ההסתדרות

בעריכת צ. רוזנשטיין

הספר מכיל 30 מדורות שמקיפים את כל שטחי חייה של ההסתדרות.

הספר הוא רב כמות, 506 עמודים בצירוף מפת ההסתדרות.

אויסגאבן פון דער מחלקת „החלוץ" אין יידיש:

דפים למדריך בגולה

ערשיינט יעדן מאנאט. ביז יעצט ערשינען 6 העפטן

סעריע „פארן החלוץ":

ביז יעצט ערשינען:

1. וואס איז אזוינס די הסתדרות?
פון צ. ראזענשטיין

2. די צווייטע עליה
פון ד. קלעי

אין דרוק געפינט זיך:

3. די דריטע עליה
פון י. רעזניטשענקא